STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00434

HUMESH-TAYTSH

Shlomo Noble

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Joshua & Gladys Kleiman
in memory of
Louis & Nellie Kleiman and & Leo & Lena Heisler*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ד״ר שלמה נאָבל

חומש-טײַטש

אַן אויספאָרשונג װעגן דער טראַדיציע פון טײַטשן חומש אין די חדרים

ניו-יאָרק, 1943
ביבליאָטעק פון ייִװאָ
ייִדישער װיסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, פילאָלאָגישע סעקציע

דאָס אַחריות פֿאַר די װיסנשאַפֿטלעכע שטאַנדפּונקטן
װאָס װערן אַרויסגעזאָגט אין די אויסגאַבעס פֿון ייִװאָ
טראָגן די מחברים גופֿא

Copyright, 1943 by
YIDDISH SCIENTIFIC INSTITUTE—YIVO

10

Printed in U. S. A.

דער שול־פֿאַרוואַלטונג פֿון
„טעמפּל ישׂראל"
אין ווילקעס־באַר, פּענסילווייניע

אַ וואָרט פֿריִער

ד״ר שלמה נאָבל איז אַ פּנים־חדשות אין אונדזער שפּראַכפֿאָרשונג. אָבער אַן אָנהייבער איז ער נאָר אין הילכות דרוקן זיך. ער קומט צו אונדז אַ גוט צו־געגרייטער דורך לאַנגע יאָרן שטודיום, איז באַהאַוונט ניט נאָר אין ייִדיש, נאָר אויך אין די שכנותדיקע פֿעלדער פֿון גערמאַניסטיק און העברעיִסטיק, און דאָס בוך זײַנס ווײַזט, אַז ער האָט אויך אַ וואַכיקן חוש פֿאַר מעטאָדאָלאָגיע און אַ לעבע־דיקן אינטערעס פֿאַר אַלגעמיינע לינגוויסטישע פּראָבלעמען. דאָס אַליין וואָלט שוין געווען גענוג, דער יִוואָ זאָל אויפֿנעמען ד״ר נאָבלס אויספֿאָרשונג מיט אמתער פֿרייד. על אַחת כמה וכמה איז אָנגעלייגט אַ נײַער מיטטוער אין אונדזער וויסנשאַפֿט איצטער, ווען די מלחמה האָט אָפּגעריסן פֿון אונדז — מיר האָפֿן, אַז ניט אויף אַלע מאָל — דעם גרעסטן טייל פֿון אונדזערע געלערנטע.

אָבער שטאַרק אָנגעלייגט איז ד״ר נאָבלס אַרבעט אויך צוליב איר טעמע, וואָס כאָטש זי איז אַזוי חשובֿ איז זי ביז איצט אָנגערירט געוואָרן נאָר אויבנ־אויפֿיק. אַוודאי, יעדער איינער וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיטן עלטערן ייִדיש, פֿון פּערלעסן און גרינבוימען אָן, האָט דרך־אַגבֿ גערעדט וועגן די גלאָסעס און גלאָסאַרן און איבערזעצונגען, און נ. שטיף האָט שוין געפּרוווט דורך אַ קליינער אָ נ ק ע ט ע צוקומען צו די חומש־ווערטער (אין זײַן זשורנאַל די ייִדישע שפּראַך ו, מאַרץ־אַפּריל 1927). אָבער ש. נאָבל האָט זיך דער ערשטער ק אָ נ־צ ע נ ט ר י ר ט אויף דעם ענין מיט התמדה און בקיאות. ער האָט געפֿרעגט בײַ זיך, וואָסערע טיילן תּנך זײַנען צום מערסטן געלערנט געוואָרן אין חדר, און האָט זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר זײַן אויספֿאָרשונג אויפֿן חומש מיט די הפֿטורות. אָט דעם אָפּגעמאַרקירטן שטח האָט ער אַדורכגעאַקערט סיסטעמאַטיש. ער האָט גע־נומען אין אַכט די מיגלעכקייט פֿון געאָגראַפֿישע וואַריאַנטן און גרינגער געמאַכט צו פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע דורך לאָקאַליזירן די טײַטשווערטער אויף וויפֿל זײַן מאַטעריאַל האָט דאָס דערלאָזט. ער האָט אַוועקגעגעבן אַ סך מי צו געפֿינען אַנאַ־לאָגיעס (אָדער פֿעסטצושטעלן, אַז ס׳זײַנען ניטאָ קיין אַנאַלאָגיעס) אין עלטערע דײַטשע ביבל־איבערזעצונגען און אין עלטערע דײַטשע שפּראַך־מאָנומענטן בכלל.

אַ ספּעציעלע ווערדע האָט דאָס וואָס ער האָט בפֿרטיות אַנאַליזירט די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט דער עקסיסטענץ פֿון אַ טײַטששפּראַך. דערצו האָט מען זיך בײַ אונדז נאָך גאָרניט געהאַט צוגעע־רירט (סײַדן מען זאָל פֿאַררעכענען פֿאַר אַן אָנצוהערעניש אויף „פֿאָרשונג״ די משׂכּילישע חכמהלעך וועגן דעם מאָדנעם גאַנג פֿון פֿאַרטײַטשן אשה —

אַן אשה, קרבן — אַ קרבן), הגם דאָס איז אַן ענין וואָס איז וויכטיק ניט נאָר פֿאַר אונדז, נאָר די אַלגעמיינע שפּראַך־וויסנשאַפֿט וועט זיך דערפֿון קענען אַ סך אָפּלערנען. נעמט למשל אין קאַפּיטל 2 די פֿײַנע באַמערקונגען וועגן די פֿאַרשיידענע שטאַפּלען קדושה.

ווײַט איבער די גרענעצן פֿון ספּעציאַליסטישן אינטערעס גייען אַריבער דעם מחברס אויספֿירן אין קאַפּיטל 5 וועגן דער אויסנוצונג פֿון דער טײַטש־שפּראַך אין אונדזער נײַער ליטעראַטור. דאָ עפֿנט זיך אַן אויסבליק אויף אַ נײַעם פּאָטענציעלן קוואַל פֿאַר באַרײַכערן אונדזער מאָדערנע קולטורשפּראַך מיט עלעמענטן פֿון געהויבנקייט — אפֿשר ניט נאָר אין ווערטער, נאָר אויך אין פֿאָרמען און סינטאַקסישע מיטלען — אין וועלכע זי נייטיקט זיך אַזוי שטאַרק.

ד״ר נאָבל שטרײַכט אַליין אונטער, אַז ער האָט ניט אויסגעשעפּט די טעמע, און אַנדערע קענען זײַן מחולק מיט טייל פֿאָרמולירונגען זײַנע. אָבער ער האָט געשאַפֿן אַ פֿעסטן אויסגאַנגפּונקט פֿאַר דער ווײַטערדיקער פֿאָרשונג, און קיין שום אַרבעטער אין דעם פֿעלד וועט ניט קענען פֿאַרבײַגיין פֿאַרבײַ דעם דאָזיקן בוך.

מ. ווײַנרײַך,
וויסנשאַפֿטלעכער סעקרעטאַר,
פֿילאָלאָגישע סעקציע פֿון ייִוואָ.

הקדמה

זומער 1937 איז מיר אויסגעקומען צו מאַכן — אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ סעמינאַר־אַרבעט אין דעם אָהײַאָ־שטאַט־אוניווערסיטעט — אַ לעקסיקאַלישע שטודיע פֿון די צוועלף ביזלוטערשע אויסגאַבעס פֿון דער דײַטשער ביבל, וועלכע זײַנען אַרויס צווישן די יאָרן 1466 און 1518 אויף דער אייבערדײַטשער שפּראַך־טעריטאָריע. במשך פֿון דער שטודיע האָט זיך מיר געוואָרפֿן אין די אויגן, אַז אַ היפּש ביסל פֿון די אַרכאַישע ווערטער אין די דאָזיקע ביבלען זײַנען מיר באַקאַנט געווען פֿון דעם חומש־לימוד אין די חדר־יאָרן. איך האָב דעם פּרט דערציילט מײַן זייער חשובֿן רבין, דעם גערמאַניסט האַנס שפּערבער, און ער האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז עס וואָלט כּדאַי געווען די טעמע אויסצופֿאָרשן מער בפּרטיות. איך האָב אָנגענומען זײַן פֿאָרשלאָג, און דער רעזולטאַט פֿון דער צוויי־יאָריקער אַרבעט איז געווען אַ דיסערטאַציע אין 1939 וועגן „מיטל־הויכדײַטשע און פֿרי־נײַהויכדײַטשע ווערטער אין דעם חומש־טײַטש". ד"ר מאַקס ווײַנרײַך האָט די דיסערטאַציע געלייענט און מיר צוגערעדט זי אַרויסצוגעבן אין ייִדיש. פּרוּוונדיק די אַרבעט איבערצוטון אין אַ ייִדישן לבֿוש, האָב איך דערזען, אַז דער אַלגעמיינער צוגאַנג און די פֿאָרעם וועלכע זי האָט אָנגענומען אין דער דיסערטאַציע זײַנען ניט פּאַסיק פֿאַר דעם ייִדישן לייענער. אין דער דיסערטאַציע איז דער טראָפּ אויף דײַטש און דער שטאַנדפּונקט איז ווי פֿון אַ גערמאַניסט. עס איז על־כּן נייטיק געווען די אַרבעט איבערצושטעלן אויף אַ ייִדישן שטאַנדפּונקט, און די אויפֿגאַבע האָט פֿאַרלאַנגט אַ גרונטיקע רעוויזיע פֿון דעם גאַנצן מאַטעריאַל. טייל מאַטעריאַל, וואָס ער האָט אינטערעס נאָר פֿאַר דעם גערמאַניסט, איז אויסגעלאָזט געוואָרן. פֿאַרקערט איז אָבער אַ סך מער מאַטעריאַל וואָס האָט אַן אינטערעס פֿאַר דעם ייִדישן לייענער אַרײַנגענומען געוואָרן, אַזוי אַז דער איבערבײַט אין שפּראַך האָט געפֿירט צו אַן עיקרדיקן שינוי אויך אין אינהאַלט. אַחוץ דעם זײַנען אויך אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער איצטיקער אַרבעט די רעזולטאַטן פֿון מײַן ווײַטערדיקער פֿאָרשונג אויף דעם פֿעלד, וואָס איך האָב אָנגעפֿירט צווישן 1939 און הײַנט.

אַ וואָרט צו דער דערקלערונג פֿון דעם טערמין חומש־טײַטש. דער טערמין איז כּולל:

(א) די ייִדישע טײַטשן אויף דעם חומש, וואָס זײַנען געדרוקט געוואָרן אונטער דעם לשון־קודשן טעקסט, אָפֿט מיט אַ קעפּל: פּירוש עבֿרי־טײַטש; אָט די חומשים ווערן אין דער שטודיע אָנגערופֿן עבֿרי־טײַטש־חומשים (עט"ח);

(ב) די טײַטשן אַזוי ווי זיי זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן אין חדר, וועלכע איך רוף אָן חדר־טײַטש. פֿון די עט"ח האָב איך זיך אין מײַן אַרבעט באַגרענעצט מיט די וועלכע זײַנען אַרויס אין דער צווייטער העלפֿט נײַנצנטן יאָרהונדערט ביז הײַנטיקע צײַטן, דאָס הייסט פֿון דער צײַט ווען מען האָט אויפֿגעהערט דרוקן דעם טײַטש אין דער ספּעציעלער „ווײַבערטײַטש"־שריפֿט. דער אַלגעמיין באַקאַנטער טערמין „טײַטש־חומש" איז ניט באַזונדער פּאַסיק, ווײַל אין דעם פּאָפּולערן באַנעם ווערט אָפֿט אונטער אים פֿאַרשטאַנען בלויז די „צאינה וראינה";

דער אויסדרוק טײַטש־חומש װערט דערפֿאַר דאָ אויסגעמיטן. דער טערמין חומש־טײַטש װיל אויך אָנװײַזן דעם פֿאַרנעם פֿון מײַן אַרבעט.

מײַן אויפֿגאַבע איז צו דערװײַזן, אַז אין דעם חומש־טײַטש האָט זיך אויפֿגעהיט אַ לעקסיקאַלישע שיכט װאָס שיידט זיך שאַרף אונטער פֿון אונדזער שמועסשפּראַך. די דאָזיקע שיכט באַשטייט פֿון:

(א) אַרכאַישע װערטער װאָס זײַנען דער ייִדישער שמועסשפּראַך און דער נײַהויכדײַטשער שפּראַך פֿרעמד;

(ב) װערטער װאָס זײַנען בכלל אין נײַ־ אָדער אַלט־הויכדײַטש ניט פֿאַראַן, און אויך דער ייִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד;

(ג) אַזעלכע װערטער װאָס האָבן איין באַטײַט אין דער שמועסשפּראַך און אַן אַנדערן אין חומש־טײַטש; און

(ד) אַזעלכע װערטער װאָס זײַנען אין נײַהויכדײַטש יאָ פֿאַראַן, אָבער דער ייִדישער שמועסשפּראַך זײַנען זיי פֿרעמד.

װײַטער װיל איך אָנװײַזן אויף דעם פֿאַקט, אַז דער חומש־טײַטש פֿאַרמאָגט אַ געװיסע מאָס ענלעכקייט צו די ביזלוטערשע ביבלען אין פּרט פֿון לעקסיק. אויך פּרוּװ איך אָנװײַזן, דרך אַגבֿ, אויף דער ענלעכקייט צװישן דעם חומש־טײַטש און די אויסגאַבעס פֿון מגישי מנחה (אַמסטערדאַם, 1755) און המגיד (זולצבאַך, 1763, און סלאַװוטע, 1807) און אָנגעבן די מקורים פֿאַר אונדזערע װערטער אין די דאָזיקע אויסגאַבעס, אָבער אָן פּרעטענזיעס אויף שלימות, װײַל איך האָב ניט אונטער דער האַנט קיין פֿולע עקזעמפּלאַרן פֿון די דאָזיקע אויסגאַבעס.

און דאָ איז דער אָרט אויסצודריקן אַ האַרציקן יישר־כּוח אונדזערע אָביעקטן און אַנדערע אינפֿאָרמאַנטן פֿאַר זייער פֿרײַנדלעכער מיטהילף, אָן װעלכער די דאָזיקע אַרבעט װאָלט אוממיגלעך געװען, ועל כּולם ד״ר מאַקס װײַנרײַך, װיסנשאַפֿטלעכער דירעקטאָר פֿון ייִװאָ, פֿאַר זײַן טיפֿן אינטערעס אין דער אַרבעט און זײַנע באַמיִונגען לטובֿת איר פּובליקאַציע, װי אויך פֿאַר זײַן מיטהילף אין גובֿר זײַן מער װי איין סטיליסטישע און אינהאַלטיקע שװעריקייט.

שלמה נאָבל

נאָװעמבער 1942.

אינהאַלט

אַ וואָרט פֿריִער — מ. ווײַנרײַך 3

הקדמה 5

זוכצעטל פֿון תּנך־ווערטער 8

ראָשי־תּיבֿותן און סימנים 11

1. שמועסשפּראַך און ספּעציעלע לשונות. די טײַטששפּראַך — אַ ספּעציעל לשון. גלאָסעס, גלאָסאַרן, פֿאַרטײַטשונגען. די ווירקונג פֿון טראַדיציע 13

2. פֿונקציע און טעכניק פֿון דער טײַטששפּראַך. „שינוי ניכּר". דוגמאות פֿון וואָרטשאַפֿונג: אַבסטראַקטן אויף ־ונג, ווערבן און טוער־נעמען פֿון סובסטאַנטיוון. געטרײַשאַפֿט צו דער עקזעגעטישער טראַדיציע 16

3. באַטײַט־ניואַנסן 20

4. פֿאַרשיידענער באַטײַט פֿון ווערטער אין דער שמועסשפּראַך און אין דער טײַטששפּראַך 23

5. אויסטײַטשונגען און אינטערפּאָלאַציעס אין עבֿרי־טײַטש־חומש. שײַכות פֿון דער טײַטששפּראַך צו אַ מער געהויבענער ספֿערע. אויסנוצונג פֿון דער טײַטששפּראַך אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור 26

6. סטאַנדאַרדיזירונג פֿון עבֿרי־טײַטש־חומש. די ראָלע פֿונעם אַפּיר. ספֿקות און גרײַזן. די פּאָפּולערקייט פֿונעם עבֿרי־טײַטש־חומש 28

7. עבֿרי־טײַטש־חומש אין חדר. מלמד און פֿאַרהערער. סלאַוויזמען אין חומש־טײַטש 32

8. דער מעטאָד פֿון דער איצטיקער שטודיע. די 31 אינפֿאָרמאַנטן. לומדים און ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר. ווירקונג פֿון געאָגראַפֿישן פֿאַקטאָר 35

9. געדרוקטע מקורים פֿאַר דער איצטיקער שטודיע 40

רשימה ווערטער 42

מאַפּע .... נאָך ז' 84

תּמצית אין ענגליש 87

זוכצעטל פֿון תנך־ווערטער

(מיר גיבן דאָ די ווערטער, וואָס זייער טײַטש ווערט געבראַכט אין דער רשימה ווערטער זז׳ 42—83. די ווערטער ווערן דאָ געבראַכט אַזוי ווי זיי שטייען אין תנך: אבדת, ויגש, למשפחותיהם אאַז״וו.

די ציפֿער שיקן אָפּ צום נומער אין דער רשימה ווערטער.)

אבדת — 302
אבן הראשה — 98
אדקם — 142
אהרוס — 113, 344
אחות — 64
אחזת נחלתנו — 61
אילה — 32
איש דברים — 368
אך — 270
אמנה — 108
אנשי מדות — 253
אנשי רכיל — 202
אנשים — 252
אשד — 283
אשה — 318
אשורנו — 240
אשת — 187

באחו — 122
באלוני — 280
באשותא — 68
בגבלך — 120
בהלה — 152
בזרת — 140
בחפזון — 29
ביד רמה — 54
בכי — 65
בלהטיהם — 407
במחתרת — 20
במלון — 163
במצור — 70
במקשה — 281
בני בליעל — 379
בעל משה ידו — 45
בעֹנִי — 178
בצדיה — 238
בקנאו — 377
בקרי — 165
ברכה — 100
בשגגה — 15

בשרירות — 239
בת אבי — 158
בתולה — 236
בתורתי — 250

גבור חיל — 391
גד — 345
גדילים — 328
גדלך — 35
גואל — 245
גואל הדם — 96
גליו — 33
גמא — 277
גרה — 171
גרפם — 395

דבר — 254
דבת — 58
דגול — 74
דור — 112
דם — 388
דמי — 383

האזרח — 38
הברית — 298
הורי — 224
הזרע — 206
החלד — 185
הטחנה — 251
היטיבו — 59
הימין — 375
הינק — 207
הינשוף — 390
הישימן — 195, 196
היתרת — 365
הכפרים — 291
הלא — 293
הלפידים — 325
המושלים — 95
המליץ — 323
המנקית — 274

המצאות — 127
המקרה — 72
המראה — 133
המרכב — 370
המשקוף — 242
הנץ — 406
הנשיאים — 169
הסוללות — 177
הסופדים — 79
העדה — 123
העדות — 78
העזניה — 139
הפדר — 271
הפליט — 50
הפרס — 161
הצעיף — 409
הקיצונה — 273
הרג — 151
הרוחה — 146
הרחם — 2
הריון — 223
השופט — 376
השליט — 115
השלך — 367, 392
השפן — 348
השרפה — 289
התרים — 5

ואשמאלה — 247
ובחימה — 137 (א)
ובטרם — 25
ובירקון — 119
ובעלתה — 73
ובשפלה — 268
וגללו — 346
והגבלת — 121
והדוה — 198
והותירך — 287
והכסמת — 217
והמשפטים — 131

והנה — 267
והנחם — 80
והצב — 398
והרכסים — 400
והשבתי — 313
והתנשמת — 256
וזנה — 19
וחלבנה — 215
וחמשים — 320
וחצית — 159
וחשוקיהם — 40
ויאהל — 129
ויאסף — 30
ויגוע — 290
ויגל — 47
ויגש — 126
וידיחו — 311
ויתנטו — 276
ויחסרו — 260
ויתר אַף — 137 (ב)
ויכוננך — 86
ויניאו — 292
ויסדתיך — 136
ויסעו — 341
ויעד — 296
ויעיו — 357
ויפזו — 107
ויפקידהו — 76
וירד — 269
וירם לבם — 162
וירשתה — 57
ויתנצלו — 243
וכבשיה בכבשותא — 77
וכשלו — 28
ולוט — 36
ולשנינה — 93
ולתפארת — 275
ומנוסי — 43, 44
ונועדתי — 67
ונחיה — 150
ונפשנו קצה — 285
ונשמחה — 149
ועלות — 10
וערמון — 356
ופותר — 89
ופקודת — 75
וצדיק — 132

וקמץ — 105
וקסמים — 338
ושלשלת — 157
ושפוני טמוני חול — 231
ושקץ — 286
ותוצא — 9
ותזידו — 255
ותלד — 114
ותמורתו — 288
ותתע — 307
ותתפשהו — 62

זבחים — 404
זורה — 193
זרחך — 397

חגורות — 41
חזו — 190
חזון — 189, 386
חלילה — 305
חמסי — 81
חמת — 237
חנן — 246
חפניכם — 106
חפץ — 60
חרש — 27
חשן — 322

טמאת — 18

יאריכון — 148
יבמי — 84, 384
יגדל — 34
ידון — 343
יוצאי — 4
יושב — 209, 272
יזבלני — 164
יחרם — 295
יירה — 181
יכולת — 353
יכסמו — 111
ימעיט — 194
ימצאהו — 53
ינום — 265
יעל — 11
ירושה — 56
ירחיב — 144
ירך — 141
ירקענו — 63

ישרצו — 183

באלמנה — 186
כבד עוון — 387
כוס התרעלה — 326
כירים — 175
כלאים — 262
כלה — 303, 304
במהפכת — 310
במכתב — 135
במשפט הראשון — 372
כנים — 130
כף — 219
בפורחת — 97
כצעירתו — 235
ברכוב — 17
בתרצה — 192

לבטח — 208
לגלגלותם — 170
לדשנו — 3
להבה — 324
להזהר — 180
להמית — 216
להתגולל — 199
לוחות — 213
לחישותא — 410
למען — 156
למרחב — 145
למרטים — 7
למשפחותיהם — 134
לסיגים — 342
לעולם — 26
לפליטה — 49
לפני — 197, 339
לצוד — 233
לקט — 351
לשטן — 12
לשם — 218

מאסף — 14
מגדף — 248
מגן — 24
מדרך — 232
מהלכים — 104
מהרסיך — 340
מוניך — 266
מוצאיהם — 8
מחוקק — 361

מחמדים — 110
מחנות — 381
מחסרו — 259
מחריד — 153
מחשבותם — 227
מכהו — 399
מכור הברזל — 220
מלבד — 204
מלקוח — 229
ממכר — 309
ממרים — 184
מנאציך — 154
מצבה — 85
מצוה — 337
מצנפת — 167
מקראי — 366
מקשה — 350
מראה — 210
מרוח אשך — 124
מרכבתו — 369
מרעה — 188, 316
משא — 222
משאת — 244
משחת — 176
משכב זכר — 155
משכרתך — 128
משענתו — 21
משקדים — 99
משקוף — 94

נאם — 201
נביאך — 321
נבלה — 380
נגלו — 48
נגע — 279
נדבה — 66
נדחים — 312
נוראות — 300
נזם — 263
נחשים — 373
נכאת — 228
נפך — 401
נצה — 408
נשך — 92

סביך — 297
סורר — 55
סלעם — 329
סלת — 212

ספר כריתות — 335, 336

עבודה — 214
עד תמם — 6
עולות — 101
עמל — 257, 258
ענו — 331, 352
עקרה — 16
ערך — 374
ערפך הקשה — 166
ערשנו — 405
עשב — 360

פורש — 147
פטדה — 282
פרו — 330
פרים — 393
פרע — 179
פשע — 261
פשר — 88
פתרונו — 87

צבא — 174
ציד — 118, 284
צפונה — 205
צפחת — 90
צר — 382
צרור — 69, 332

קאת — 358
קדשה — 39
קרחה — 103, 371
קרך — 315
קרסי — 172

רגליו — 389
רובצים — 168
רודפיה — 264
רחם — 226
רחמיו — 143
ריח — 403
ריע — 91
רעהו — 117
רענן — 334
רקיע — 314

שא חטאתי — 299
שארית — 23
שבעת איסר — 385
שבר — 160

שבת שבתון — 362
שד — 364
שהם — 52
שחין — 138
שכלתם — 294
שלטון — 116
שלל — 203
שמטה — 301
שמע — 173
שמע בקולה — 306
שנואה — 317
שפיפון — 278
שפת — 82
שפתים — 249
שרטת — 359
שרף — 102
שרץ — 182
שרקות — 402

תאזור מתניך — 333
תאלתך — 327
תאנתה — 225
תארש — 51
תבלול — 396
תבנית — 125
תהלתי — 83
תהלתך — 241
תוסרו — 354
תור — 221
תושב — 37
תזל — 230
תחגו — 319
תחד — 31
תחוללכם — 191
תחת — 42
תמיד — 394
תמלוך — 347
תמעיט — 200
תנופה — 13
תנקש — 349
תעשוק — 308
תצור — 71
תרומה — 1
תרועה — 378
תרעו — 22
תרשיש — 234
תשא — 46
תשבץ — 355
תשוקתו — 109

ראַשי־תּיבֿותן און סימנים:

(דאָ זײַנען דערמאָנט בלויז יענע מקורים, וואָס זייערע טיטלען ווערן ניט געבראַכט בשלימות אין טעקסט)

א״אָ: אַלע אָביעקטן.

א״ג: אויגסבורג.

אַה״ד: אַלטהויכדײַטש.

אָפּאַטאָשו: י. אָפּאַטאָשו, „חומש־ווערטער“. ייִדישע שפּראַך 1 (1941), זז׳ 30—32.

באַהדער: Bahder, Karl von. *Zur Wortwahl in der neuhochdeutschen Schriftsprache.* Heidelberg 1925.

באר משה: משה שערטילש. באר משה, פּראָג 1605.

ג״גל: Goetze, Alfred. *Frühneuhochdeutsches Glossar.* Bonn 1920.

גרינבוים: Grünbaum, Max. *Jüdischdeutsche Chrestomathie.* Leipzig 1882.

דוו״ב: Grimm. *Deutsches Wörterbuch.*

המגיד: ספר המגיד, זולצבאַך 1763; סלאַוויטע 1807.

יאַסטראָוו: Jastrow, Marcus. *Dictionary of the Targumim.* New York 1926.

יהואש: תורה נבֿיאים וכתובֿים, ייִדיש פֿון יהואש. ניו־יאָרק 1938.

לוטער: Luther, Martin. *Die Heilige Schrift.* [פֿאַקסימילע־אָפּדרוק פֿון דער אויסגאַבע פֿון 1534.]

לעקסער: Lexer, Matthias. *Mittelhochdeutsches Handwörterbuch.* I—III. Leipzig 1872.

לעקסער *Taschenwörterbuch*: Lexer, Matthias. *Mittelhochdeutsches Taschenwörterbuch.* Leipzig 1936.

מה״ד: מיטל־הויכדײַטש.

מיזעס: Mieses, Matthias. *Die jiddische Sprache.* Berlin-Wien 1924.

מיקלאָסיטש: Miklosich, Franz. *Etymologisches Wörterbuch der slavischen Sprachen.* Wien 1886.

מלמד ש״ח: ש״ק, אליקום. מלמד ש״ח. אַמסטערדאַם 1710.

מ״מ: מגישי מנחה, אַמסטערדאַם 1755.

נה״ד: נײַהויכדײַטש.

עט״ח: עבֿרי־טײַטש־חומש.

פּויל־גיראַך: Paul-Gierach. *Mittelhochdeutsche Grammatik. Halle a. S.* 1939.

פֿנה״ד: פֿרי־נײַהויכדײַטש.

ציִנבערג: **ציִנבערג, ישׂראל.** געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן. **ווילנע 1933 א״וו.**

ק.—: Kurrelmeyer, Wilhelm. *Die erste deutsche Bibel. Tübingen,* 1904—1914.

ק. —.: **בײַ קורעלמײַערן [זע ק.] ניטאָ.**

קרעטשמער: Kretschmer, Paul. *Wortgeographie der deutschen Umgangssprache.* Göttingen 1918.

שולמאַן: **שולמאַן, אלעזר.** שפת יהודית־אשכנזית וספרותה. **ריגע 1913.**

שטערק־לייצמאַן: Staerk, W. und Leitzmann, A. *Die jüdisch-deutschen Bibelübersetzungen.* Frankfurt a. Main 1923.

שמעלער: Schmeller, J. A. *Bayerisches Wörterbuch,* I—II. München 1872—1878.

* } זע ז' 36.
** }

1

ווי נאָר אַ שפּראַך גייט דורך דעם פּרימיטיוון שטאַפּל און דערגרייכט אַ העכערע מדרגה פון אַנטוויקלונג הייבן זיך אָן באַוויַזן אין איר פאַרשיידענע ספּעציעלע לשונות. די פאַרשיידענע שיכטן און גרופּעס פון דעם פאָלק שאַפן זיך צו ביסלעך אויסדרוקן און באַטיַיטן וואָס ווערן פאַרשטאַנען, אָדער בעסער פאַרשטאַנען, און באַנוצט כמעט אויסשליסלעך נאָר פון די מיטגלידער פון די שייכדיקע שיכטן און גרופּעס. אַזוי קומט אויף די היפּשע צאָל בעל־מלאָכישע און גרופּנדיקע לשונות. אין אַ קולטורשפּראַך איז שוין אַפילו פאַראַן אַ גאַנץ באַשטימטער חילוק צווישן דער שמועסשפּראַך און דער ליטעראַרישער שפּראַך. גאָר גרויס איז שוין דאָ דער חילוק צווישן דער שמועסשפּראַך (דאָס וואָס די דיַיטשן רופן „אומגאַנגסשפּראַך״) און דעם ספּעציעלן לשון פון אַ געוויסן פאַך, אַזוי אַז געווייינטלעך איז דאָס ספּעציעלע לשון פאַר דעם ניט־פאַכמאַן אומפאַרשטענדלעך.

איינס פון די ספּעציעלע לשונות וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין יידיש — אַ קלאָרער באַוויַז פאַר דער הויכער מדרגה פון אַנטוויקלונג וואָס די שפּראַך האָט דערגרייכט — איז געווען די שפּראַך פון פאַרטיַיטשן די תורה ביַים לערנען.

נאָך פון קדמונים אָן האָט דאָס לערנען תורה געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָלע אינעם יידישן לעבן. אין די גלות־לענדער איז דאָס חשיבות פון דעם תורה־לערנען נאָך העכער געשטיגן. און ווי נאָר אַ היפּשע צאָל יידן האָט זיך באַזעצט אין די דיַיטש־רעדנדיקע מקומות און אָנגענומען די שפּראַך פון דער סביבה, קומט אויף די פּראָבלעם פון שאַפן אַ צוטריט צו דער גיַיסטיקער ירושה, דער תורה, וואָס די שפּראַך אירע איז אין דער ציַיט שוין אַן אומפאַרשטענדלעכע. די פאַרענטפערונג פון דער דאָזיקער פּראָבלעם איז תחילת גאַנץ באַשיידן: מע באַנוגנט זיך מיט איינצלנע ג ל אָ ס ע ס דאָ און דאָרט פאַר אַ האַרב וואָרט אין דער תורה. שפּעטער ווערן די איינצלנע גלאָסעס סיסטעמאַטיש אויסגעברייטערט אין ג ל אָ ס אַ ר ן, און פון זיי פירט דער וועג צו פולע איבערזעצונגען פון דער תורה. אַזוי ווי די מלמדים זיַינען עס געווען די, אויף וועמען די פּראָבלעם האָט צום מערסטן געדריקט, זיַינען זיי מסתמא אויך געווען די וועלכע האָבן צום מערסטן צו שטיַיער געגעבן צו איר פאַרענטפערונג. זיי האָבן אָנגע־פירט די גלאָסאַטאָרישע טעטיקייט און אַרויפגעלייגט אויף איר זייער שטעמפּל. זיי האָבן באַשטימט, וואָס צו גלאָסירן און ווי אַזוי צו גלאָסירן.

דער טיפער קאָנסערוואַטיזם פון דעם יידישן לעבן אין יענער ציַיט, וועלכער האָט ריטואַליזירט און אָנגעטאָן אַ לבוש פון קדושה אויף אַלע וואָכעדיקע דער־שיַינונגען וואָס זיַינען געקומען אין באַרירונג מיט דברים שבקדושה, האָט אַריַינ־

גענומען אין זײַן מחיצה אויף די גלאָסאַטאָרישע טעטיקייט. פּונקט ווי מען האָט נוהג כּבֿוד געווען אין דער פּען, מיט וועלכער מען האָט געשריבן דבֿרים שבקדושה, אַזוי האָט מען אויך די בּלע״זן אין רש״י מחמת זייער דורות לאַנגער אַסאָציאַציע מיטן הייליקן טעקסט אַליין אין אַ געוויסער מאָס פֿאַרהייליקט, אַזוי אַז קיין שום אַרויסגעבער אין 16טן י״ה אַ שטייגער וואָלט זיך ניט געווען דערוועגט צו דרוקן רש״ין אָן די בּלע״זן, כאָטש יעמאָלט האָט זיי שוין קיין שום ייִד ניט פֿאַרשטאַנען. פּונקט אַזוי זײַנען אויך די גלאָסעס און גלאָסאַרן מחמת זייער אַסאָציאַציע מיטן הייליקן טעקסט אין אַ געוויסער מאָס אַליין פֿאַרהייליקט געוואָרן.[1] די שפּעטערדיקע איבערזעצונגען פֿאַרקערפּערן און פֿאַרפֿולקומען בלויז די גלאָסאַרן, און אַפֿילו אין דער שיטה פֿון טײַטשן זײַנען זיי נאָר אַ המשך פֿון די ערשטע. פּונקט ווי די גלאָסאַרן פֿאַרטײַטשן נאָר די ווערטער, אָדער נאָר די האַרבע ווערטער, אַזוי האָבן די פֿולע איבערזעצונגען אויך נאָר פֿאַרטײַטשט די ווערטער אין דעם סדר ווי זיי קומען פֿאָר אין דעם מקור, אָן שום סינטאַקטישן המשך, זייער ענלעך צו די דײַטשע „שורה־טײַטשן״[2] פֿון די לאַטײַנישע טעקסטן וואָס מיר האָבן פֿון די פֿריִיִקע יאָרן אין דער דײַטשער ליטעראַטור. צו די איבערזעצונגען קומען צו אַנדערע הילפֿסביכער פֿאַרן לימוד פֿון דער תּורה, וועלכע גייען אויך מיט דעם וועג וואָס די ראשונים אויף דעם געביט האָבן פֿאַר זיי אויסגעאַרבעט. אויף אַזאַ אופֿן קומט אויף בהדרגה אַ פֿעסטע טראַדיציע פֿון טײַטשן די תּורה.[3]

די איבערזעצערס און מחברים פֿון די אַנדערע הילפֿסביכער פֿאַר דעם לימוד פֿון דער תּורה נעמען זיך גרויס מי צו באַטאָנען דעם דאָזיקן פֿאַקט, אַז

---

[1] דער פֿרומער ייִד ר׳ שמואל שפּיץ, איינער פֿון אונדזערע אָביעקטן, וועלכער האָט אונדז געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז די טײַטשן זײַנען הלכה למשה מסיני, האָט אַוודאי ניט מער ווי געטרײַ אָפּגעשפּיגלט די טיף אײַנגעוואָרצלטע השגות פֿונעם פּשוטן מענטשן.

[2] Interlinearversionen.

[3] די אינטעלעקטועלע ירידה פֿון דעם דרדקי־מלמד האָט בלי־ספק אויך געהאַט אַ חלק אין פֿיקסירן און אויפֿהיטן די טײַטש־טראַדיציע. אַ דאַנק דעם לעגאַליסטישן און ריטואַליסטישן וועלטבאַנעם איז דער תּנך אַרויסגעשטופּט געוואָרן פֿונעם סדר־הלימוד, און דאָס לומדות האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דער גמרא און אירע מפֿרשים. די דאָזיקע באַציִונג צום תּנך האָט זיך מיט דער צײַט שלעכט אָפּגערופֿן אויף דעם מלמדים־פּערסאָנאַל. דער פֿעיִקערער מלמד האָט געהאַלטן פֿאַר אַ פּחיתות־הכּבֿוד זיך אָפּצוגעבן מיט אַזאַ עלעמענטאַרן לימוד ווי תּנך, און דאָס וואָס ס׳איז געבליבן פֿונעם תּנך אינעם סדר־הלימוד, דהײַנו דער חומש, איז אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון מלמדים מיט קנאַפּע ידיעות. די דאָזיקע מלמדים, אַפֿילו ווען זיי וואָלטן שוין געווען געהאַט די געהעריקע העזה מורד צו זײַן אין דער טײַטש־טראַדיציע, האָבן ניט געהאַט די נייטיקע ידיעות, און בעל־כּרחם האָבן זיי זיך געמוזט האַלטן אין די אָנגענומענע טײַטשן. אַזוי האָט די אומקאָמפּעטענץ פֿון דעם דרדקי־מלמד מיטגעהאָלפֿן צו פֿאַרפֿעסטיקן די טײַטש־טראַדיציע, והראַיה, אין דעם לימוד פֿון גמרא — און גמרא האָט מען דאָך יעמאָלט אַ סך מער געלערנט ווי חומש — האָט זיך ניט אויסגעפֿורעמט קיין שום ספּעציעלע טײַטש־טראַדיציע. די איבערזעצערישע טעטיקייט האָט די גמרא כּמעט ווי אין גאַנצן אויסגעמיטן. דער קאָמפּעטענטערער גמרא־מלמד איז אַליין געווען בכּוח צו פֿאַרטײַטשן אַפֿילו אַ האַרב שטיקל גמרא און עס איז ניט נייטיק געווען אים אָפּירצולייגן טײַטש־דוגמאות.

זיי גייען אין די פוסטריט פון די ראשונים: זיי זײַנען ניט אויסן גאָרניט מחדש צו זײַן מיט זייערע חיבורים; אַלץ וואָס זיי ברענגען קומט פון אַלטע מקורים. שוין אין דער קאָנסטאַנצער חומש־איבערזעצונג פון 1544 לייענען מיר אין דער הקדמה דרום וויר אויך אויז וילן העתקות דיא וויר ביז אונש גהבט גנומן האבן...[4] די טענדענץ „תולה באילן גדול" צו זײַן, ווי עס דריקט זיך אויס מ"ד דע אַגילאַר, איז יעמאָלט אַן אַלגעמיינע, און אין דעם פּרט האָט מען דעם גרעסטן צוטרוי צו די ראשונים. די אויגסבורגער אויסגאַבע פון דעם זעלביקן יאָר באַרימט זיך ניט ווייניקער ווי איר קאָנקורענטין דש אלש רעכט אונ׳ וואול ור טויטשט אויז איינם אלטן חומש בור לאנגן צייט גשריבן...[5] דאָס זעלביקע באַטאָנט אויך דער קאָמפּילאַטאָר פון דער דאָזיקער אויסגאַבע, דער משומד פּוילוס עמיליוס, אין אַ בריוו: „כי לא הוספתי ולא גרעתי ולא שניתי ממנה דבר מאומה אך את ההעתקה אשר היתה לפני אשר מכמה שנים הועתק מלשון הקדש ללשון אשכנז, דפסתי אותו מדבור לדבור".[6] דעסט גלײַכן לייענען מיר אין מרכּבֿת המשנה, אַז דיא ווערטר דרינן זיין דיא איך האב מקבל גיוועזין בון מיין רבי ז"ל...[7] משה שערטילש אין דער הקדמה צו זײַן באר משה (1605) דערציילט: ...ווי איך ביי הגאון מהר"ר חיים ווריד בורג ע"ה בין אין מיינר יוגנט גיוועזן הוט ער מיט זיינין קינדר דז חומש דורך אויז גילײזן הוט ער טון ביגערן איך זאלט צו הערן אונ׳ איטליכש ווארט טון אויף שרייבן איז אזוי בייא מיר טאן בלייבן. און אין זײַן הקדמה צום לקח טובֿ ווערט געזאָגט: איך הב ביקומן דש שין ספֿר פון איינם גדול אין מיין האנט אונ׳ האב מיך טון זיר דאריבר באמיאן שיני פשטים אויש דען מדרשים צו ציאן...[8] די טראַדיציע פון טײַטשן אויפן שטייגער פון די ראשונים נעמט שפּעטער אָן אַ פולע לעגאַלע פאָרעם; דער מינהג ווערט אַ דין. די קראָקעווער קהילה איז מתקן אַ תקנה (אין 1638?), אַז די דאָרטיקע מלמדים מוזן ניצן בײַם פאַרטײַטשן אַ באַשטימט הילפסבוך, דהײַנו דעם אויבן דערמאָנטן „באר משה".[9]

טראַדיציע איז אָבער אַ שטרענגע היטערין, און פון דעם וואָס ס'ווערט איר אָנגעטרויט זעט זי, עס זאָל גאָרניט געמינערט ווערן. אַזוי האָט אויך פּאַסירט מיט דער טײַטש־טראַדיציע. כּמעט דער גאַנצער טײַטש־אַפּאַראַט מיט זײַן ווערטער־פאָרמעג, קאָנסטרוקציע און אינטערפּאָלאַציעס איז אויפגעהיט און איבערגעגעבן געוואָרן. בעת די שפּראַך פון דעם טײַטש ווערט אויף אַזאַ אופן אָפּגעהיט פון אויסווייניקסטע השפּעות און, ווי אַ פּועל־יוצא דערפון, אײַנגעגליווערט אין אַ געווויסן צושטאַנד, וויקלט זיך די שמועסשפּראַך פרי אַרויס פון

[4] ציטירט לויט שולמאַן, שפת יהודית־אשכנזית, ז׳ 6.

[5] דצ"וו, ז׳ 8.

[6] י. צינבערג, געשיכטע פון דער ליטעראַטור בײַ יידן, באַנד VI, ז׳ 110.

[7] שולמאַן, דצ"וו, ז׳ 119.

[8] שולמאַן, דצ"וו, ז׳ 120.

[9] M. Güdemann, *Quellenschriften zur Geschichte des Unterrichts und der Erziehung bei den deutschen Juden.* Berlin 1891, p. 233.

אַזעלכע אײַנצאַמונגען און גייט זיך איר פֿאָרויס באַשטימטן וועג. צו ביסלעך נעמט זיך מערקן אַ חילוק צווישן דער שמועסשפּראַך און דער שפּראַך פֿון דעם טײַטש. וואָס ווײַטער די אַנטוויקלונג פֿון דער שמועסשפּראַך, אַלץ גרעסער ווערט די דיסטאַנץ צווישן איר און דער שפּראַך פֿון דעם טײַטש, און מיט דער צײַט ווערט די לעצטע פֿאַרוואַנדלט אין אַ ספּעציעל לשון — די ט ײַ ט ש ש פּ ר אַ ך.

אָבער אין גאַנצן אַ ספּעציעל לשון איז די טײַטששפּראַך ניט, ווײַל עס פֿעלט איר דער הויפּטבאַדינג דערצו — דער סאָציאַלער מאָטיוו. נאָרמאַלערהייט[10] איז דאָס ספּעציעלע לשון דער באַזיץ פֿון אַ קלײנער גרופּע וועלכע איז אַ דאַנק סאָציאַלע אָדער אַנדערע סיבות אָפּגעשיידט אין געוויסע פּרטים פֿון דעם כּלל, און דער כּלל ווי אַ גאַנצער קומט זעלטן אין באַרירונג מיט דעם ספּעציעלן לשון. נאָר אויף וויפֿל די מיטגלידער פֿון דער דאָזיקער באַגרענעצטער גרופּע זײַנען אויך די טרעגער פֿון דער שמועסשפּראַך זײַנען פֿאַראַן באַציִונגען צווישן די צוויי שפּראַכן. אָבער עס איז אויך מיגלעך, אַז די מערהייט טרעגער פֿון דער שמועסשפּראַך זאָל גאָר ק ײ ן מ אָ ל ניט קומען אין באַרירונג מיט דעם ספּעציעלן לשון. טאַקע דער איזאָלאַציע פֿונעם כּלל פֿאַרדאַנקט דאָס ספּעציעלע לשון זײַן אויפֿקום און זײַן ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג. אַנדערש איז מיט דער טײַטששפּראַך. דאָס וואָס ס'שיידט זי אָפּ פֿון דער שמועסשפּראַך איז ניט קיין סאָציאַלער פֿאַקטאָר, נאָר ע ל ט ע ר פֿאַקטן. גאָר אַ גרויסע צאָל טרעגער פֿון דער ייִדישער שמועסשפּראַך זײַנען פֿאַר אַ געוויסן פּעריִאָד אין זייער לעבן, אין די חדר־יאָרן, געקומען אין דויערנדיקער באַרירונג מיט דער טײַטששפּראַך. היות ווי די יאָרן זײַנען גראָד די, אין וועלכע דאָס קינד איז צום מערסטן מסוגל אויפֿצונעמען נײַע אײַנדרוקן, און דער זכּרון איז גוט, האָט די טײַטששפּראַך אויף דעם אופֿן אַ גרויסע השפּעה אויף די שפּעטערדיקע יאָרן. ווײַטער דרינגט איר השפּעה אַרײַן אין די דערוואַקסן־יאָרן מיט דער גרויסער פּאָפּולערקייט פֿון די פֿאַרשיידענע חומש־איבערזעצונגען בײַם דערוואַקסענעם עולם. דורך דעם חומש, דורך דעם פֿונדאַמענט וואָס איז געלייגט געוואָרן אין די חדר־יאָרן, דרינגט די טײַטששפּראַך אויף אַזוי ווײַט אַרײַן אין דער שמועסשפּראַך, אַז זי ווערט כּמעט אַ טייל פֿון איר.

2

דער קאָנסערוואַטיזם פֿון דעם ייִדישן לעבן, וואָס האָט פֿאַרפֿעסטיקט די טײַטש־טראַדיציע און מיגלעך געמאַכט, זי זאָל איבערגעגעבן ווערן פֿון דור צו דור כּמעט בשלימות, האָט אויך באַשטימט די פֿ ו נ ק צ י ע פֿון דער טײַטש־שפּראַך. זי איז באַשטימט געווען צו דינען ווי אַן איבערגאַנג־שטאַפּל צווישן דער ייִדישער שמועסשפּראַך און לשון־קודש. די תּורה איז אַזוי הייליק, אַז אַפֿילו איר טײַטש קאָן ניט איבערגעגעבן ווערן אין דער פּראָסטער, טאָג־טעגלעכער

[10] נאָר אין אומנאָרמאַלע צײַטן, ווען די סאָציאַלע גלײַכוואָג ווערט פֿאַרשטערט און איין שטאַנד שטײַגט אין חשיבֿות און לייגט אַרויף זײַן שטעמפּל אויף דעם גאַנצן קיבוץ (ווי אַ שטייגער דער מיליטערישער שטאַנד אין מלחמה־צײַטן), דרינגט דאָס ספּעציעלע לשון אַרײַן אין אַ ברייטער מאָס אין דער אַלגעמיינער שפּראַך.

שפּראַך, מען דאַרף דערצו אַ מער געהויבענע שפּראַך.[11] די טײַטששפּראַך איז בלויז סעקונדער אין קדושה לגבי דעם לשון־קודש, אָבער זי האָט שוין אַן אייגענע מדרגה פֿון קדושה לגבי דער שמועסשפּראַך.[12] אַזאַ דיפֿערענצירן פֿאַר־שיידענע מדרגות קדושה איז פֿולקום אין הסכּם מיט דער ייִדישער ריטואַליסטי־שער פּראַקטיק. עס ווערט געמאַכט אַ חילוק צווישן דער קדושה פֿון שבת און דער קדושה פֿון יום־טובֿ, וועלכע איז סעקונדער לגבי דער ערשטער. דער סימ־באָלישער אויסדרוק פֿון דעם דיפֿערענצירן אין די מדרגות פֿון קדושה איז דער באַגריף פֿון מאַכן אַ שינוי ניכּר וועלכער שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אַ סך דינים און מינהגים.[13]

פֿאַר איר אויפֿגאַבע איז די טײַטששפּראַך מסוגל געווען לויט איר עצם מהות. ראשית האָט זי אויפֿגעהיט אַ גרויסע צאָל אַרכאַיִשע און אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער וועלכע האָבן איר צוגעגעבן דעם נייטיקן פּרעסטיזש און זי דערהויבן איבער דער פּראָסטער שמועסשפּראַך.[14] אַזעלכע ווערטער ווי אומטראַכטערין, זיך דערמייען, טענער און העלבלינג זײַנען שוין לאַנג ניט מער באַנוצט געוואָרן אין דער שמועסשפּראַך. אויך אין דער דײַטשער שפּראַך זײַנען די דאָזיקע ווער־טער אַרכאַיִש. אַחוץ דעם האָט די טײַטששפּראַך אויפֿגעהיט אַ צאָל ווערטער,

---

[11] אַזאַ טענדענץ צו געהויבנקייט אין שפּראַך קומט צום אויסדרוק אַפֿילו אין דער שמועסשפּראַך אין חשובֿע מאָמענטן פֿון לעבן, בײַ דער חתונה־צערעמאָניע וכדומה. אין דער ייִדישער שמועסשפּראַך לאָזט זיך די טענדענץ מערקן אין דער שפּראַך פֿון די „שיינע ייִדן" וועלכע זוכט אויסצומײַדן אַלע געוויינטלעכע אויסדרוקן וואָס האָבן עפּעס אַ שײַכות מיט די נאַטירלעכע פֿונקציעס. ווי אַ ממלא־מקום קומט ס׳רובֿ אַ לשון־קודש וואָרט. דער „שיינער ייִד" גייט אין מרחץ אַרײַן, און ניט אין באָד אַרײַן; טוט אָן תּחתּונים און ניט גאַטקעס, איז זיך מכין פֿאַרן דאַוונען, און איז מתפּלל צום רבונו של עולם פֿאַר אַ ריכטיקן זיווג פֿאַר זײַן טאָכטער.

[12] פּראָפֿעסאָר ראָמאַן יאַקאָבסאָן האָט מיר פֿרײַנדלעך אָנגעוויזן אויף אַן ענלעכן פֿענאָמען פֿון הייליקייט פֿון אַ סעקונדערער מדרגה אין דעם טשעכישן מיטל־עלטערישן קלויסטערשן ריטוס. לעבן די לאַטײַנישע תּפֿילות ווערן אויך דערלאָזן טשעכישע איבערזעצונגען, אָבער ניט אין דער מיטצײַטיקער שפּראַך, נאָר אין אַן אַרכאַיִשער שפּראַך, וואָס זי איז נידעריקער אין קדושה פֿון דער לאַטײַנישער שפּראַך, אָבער זי פֿאַרמאָגט שוין אַן אייגענע קדושה לגבי דער שמועסשפּראַך. — פּראָפֿ׳ יאַקאָבסאָן האָט אויך, דורך אַ צאָל שמועסן וואָס איך האָב געהאַט מיט אים וועגן דעם ענין, ממשותדיק צו שטײַער געגעבן צו אַ קלאָרערער פֿאָרמולי־רונג פֿון אַ טייל כּלל־שפּראַכיקע פּונקטן.

[13] אויף דעם פּרינציפּ פֿון שינוי ניכּר וויל אַפֿילו דער חתם־סופֿר באַזירן דעם אויפֿקום פֿון דער ייִדישער שפּראַך. אונדזערע אָבֿות אַבֿותינו האָבן בכּיוון אַרײַנגעבראַכט אַ שינוי אין זייער שפּראַך כּדי ניט עובֿר צו זײַן אויף דעם איסור פֿון „ובחוקותיהם לא תלכו", וואָס דאָס איז אויך חל אויף דער שפּראַך, „...בכונה שבשו הלשונות מפני גזירת י"ח דבר שבירושלמי... ואין להאריך בזה בעו"ה". חתם־סופֿר, אבֿן העזר, חלק ב׳, סימן י"א, ווין, 1880.

[14] יצחק בער לעווינזאָן ברענגט אין זײַן תּעודה בישראל (וואַרשעווער אויסגאַבע, 1901), אַז בײַ די מלמדים פֿון זײַן צײַט (מיט העכער הונדערט יאָר צוריק) הערט מען נאָך אַרכאַיִשע „דײַטשע" ווערטער וואָס זיי אַליין הייבן שוין ניט אָן צו פֿאַרשטיין. „...תשמע גם היום אצל מלמדי זמננו במדינה זו גם היום מלות אשכנזיות ישנות בבאורי המקרא והתלמוד שלא ידעו בעצמם כונתם" (ז׳ 34).

וואָס הגם אין גײַהויכדײַטש זײַנען זיי יאָ פֿאַראַנען, זײַנען זיי אָבער דער הײַנטיקער ייִדישער שמועסשפּראַך געבליבן פֿרעמד. טייל פֿון די דאָזיקע ווערטער האָבן פֿאַרנומען דעם פּלאַץ פֿון לשון־קודשע ווערטער וואָס מען האָט געניצט אין דער ייִדישער שמועסשפּראַך. די טײַטשערס, ד״ה די איבערזעצערס פֿון דעם חומש און די מלמדים, האָבן זייער אויפֿגאַבע גענומען אות־באות. ט ײַ ט ש ן האָט פֿאַר זיי געהייסן אַלע ווערטער, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, איבערגעבן אין אַן אַנדערער שפּראַך. איבערלאָזן אַ וואָרט — הגם עס איז פֿאַרשטענדלעך — אומפֿאַרטײַטשט, אָדער עס איבערגעבן מיט אַ לשון־קודשן סינאָנים, האָט בײַ זיי אויסגעוויזן ווי אַ מין אינטעלעקטועלע אָפּנאַרערײַ — „עושׂה מלאכת ה׳ רמיה״.[15] הייסט עס, כּדי צו פֿאַרטײַטשן איטלעך וואָרט און אויסצומײַדן אַ רעדופּליקאַציע פֿון לשון־קודשע ווערטער זײַנען זיי אָנגעקומען צו ווערטער פֿון דײַטשן אָפּשטאַם, וועלכע זײַנען אין דער שמועסשפּראַך ניט, אָדער שוין ניט מער, באַנוצט געוואָרן. ירושה איז אין דער שמועסשפּראַך געווען זייער אַן אָנגענומען וואָרט, אָבער אין דער טײַטששפּראַך האָט זיך פֿאַרפֿעסטיקט דאָס וואָרט אַרב. אין דער שמועסשפּראַך איז דווקא דאָס וואָרט חלילה זייער פֿאַרשפּרייט, אין דער טײַטששפּראַך ווערט עס איבערגעגעבן מיט פֿאַרמיטן. אין די פֿאַלן, ווו אין דער ייִדישער שפּראַך איז ניט אַרײַן דאָס שייכדיקע לשון־קודשע וואָרט פֿונעם טעקסט, נאָר אַן אַנדערער לשון־קודשער סינאָנים, ווערט אַפּילו דער דאָזיקער סינאָנים אין דער טײַטששפּראַך פֿאַרביטן אויף אַן אַנדער וואָרט. למען ווערט ניט איבערגעזעצט מיט דעם געוויינטלעכן שמועסשפּראַכיקן וואָרט כּדי, ווײַל דאָס גופֿא איז ל ש ו ן ־ ק ו ד ש, נאָר מיט דרום (זע ווערטער 68, 204 און 216; אויך 169, 186, 236, 380 און 381).

אַ דײַטשער פֿאָרשער בראָדפֿירער קומט צו אַזאַ מסקנא אין אַן אַרבעט וועגן די דײַטשע ביזלוטערשע ביבלען: „אויף צו פֿאַרטײַטשן אַבסטראַקטן ווײַזן אַרויס די איבערזעצערס פֿון די דאָזיקע ביזלוטערשע ביבלען אַ ספּעציעלע נטיה צו פֿאָרמען אויף ־ונג״.[16] אויך אונדזער טײַטששפּראַך ווײַזט די זעלביקע נטיה, און אַ צאָל פֿון די דאָזיקע אַבסטראַקטן אויף ־ונג האָט די טײַטששפּראַך בשותּפֿות מיט די ביזלוטערשע ביבלען (זע ווערטער 1, 13, 23, 28, 43, 60, 81, 146, 173, 179, 188, 189, 227, 232, 241, 250, 257, 259, 262, 283, 301, 302, 309, 310, 328, 332, 362, 363, 366 און 383).

די טײַטששפּראַך גייט נאָך אַ טריט ווײַטער און שאַפֿט אַ צאָל אַבסטראַקטן אויף ־ונג וואָס זײַנען אין דײַטש ניט בנימצא. די דאָזיקע שאַפֿונגען זײַנען באַזירט אויף דער שטרעבונג איבערצוגעבן דעם לשון־קודשן טעקסט אַזוי פּינקט־

---

[15] עס קאָן דאָ ניט זײַן קיין פֿראַגע פֿון אַן אומווילן אַרײַנצושטעלן אַ לשון־קודש־וואָרט אין אַ ניט־הייליקער שכנות. די טײַטש־שיטה איז געווען אַזאַ, אַז מען האָט דאָס וואָרט פֿונעם מקור איבערגעחזרט אינעם טײַטש, אַ שטייגער: וידבר — און ער האָט גערעדט, משה — משה, אל — צו, אאַז״וו, על־כּן איז דאָס לשון־קודשע „טײַטשוואָרט״ שוין ממילא ניט אויסגעקומען אין קיין ניט־הייליקער סבֿיבֿה.

[16] E. Brodführer, *Untersuchungen zur vorlutherischen Bibelübersetzung.* Hermaea, B. 14, Halle a/Saale, p. 296.

לעך ווי נאָר מיגלעך. ניט בלויז ווערט אַ סובסטאַנטיוו איבערגעגעבן מיט אַ סובסטאַנטיוו און אַ ווערב מיט אַ ווערב; מע שטרעבט צו נאָך גרעסערער פּינקט־לעכקייט. מע פלײַסט זיך איבערצוגעבן אַבסטראַקטע סובסטאַנטיוון מיט קאָרעספּאָנדירנדיקע יִדישע אַבסטראַקטע סובסטאַנטיוון און אויפצוהיטן די פאַרבינדונג פון ווערב און סובסטאַנטיוו אין איין שורש. ווו אַזעלכע סובסטאַנטיוון זײַנען ניטאָ אין דער שפּראַך מן המוכן, ווערן זיי געשאַפן, אַזוי ווי עס טוען די ביזלוטערשע איבערזעצערס. דעם סובסטאַנטיוו „נשך" האָט מען אויפגענומען ווי אַן אַבסטראַקט פון דעם ווערב „נשך". אַזוי ווי דער דאָזיקער ווערב קומט פאָר אַפּט מאָל אין חומש און ווערט פאַרטײַטשט בײַסן (בראשית מ"ט, 17; במדבר כ"א, 6, 8 און 9), על־כן האָט מען לשם פּינקטלעכקייט פאַר דעם אַבסטראַקט „נשך" געשאַפן דאָס וואָרט בײַסונג. די שטרעבונג אויפצוהיטן די פאַרבינדונג פון ווערב און סובסטאַנטיוו אין איין שורש קומט בולט צום אויסדרוק אין דברים כ"ב, 9, ווו די פראַזע „הזרע אשר תזרע" ווערט פאַרטײַטשט די זייונג וואָס דו וועסט זייען. די טײַטששפּראַך דיפערענצירט אין דער איבערזעצונג פון דעם סובסטאַנטיוו „זרע". בנוגע מענטשן ווערט ער פאַרטײַטשט קינדער, און בנוגע געוויקסן — זאָמען.[17] אין אונדזער פאַל באַגעגנט זיך דער סובסטאַנטיוו צוזאַמען מיט דעם ווערב „תזרע", וואָס ווערט פאַרטײַטשט זייען און אין הסכם מיט דעם ווערב ווערט געשאַפן אַ נײַער אַבסטראַקט פונעם זעלביקן שורש ווי דער ווערב — זייונג (זע ווערטער 10, 21, 41, 49, 65, 83, 92, 100, 103, 104, 127, 151, 166, 176, 182, 206, 214, 222, 238, 239, 283, 284, 288, 327, 350, 351, 353, 359, 386, 404 און 408).

די טײַטששפּראַך באַגרענעצט ניט איר וואָרטשאַפערישע טעטיקייט בלויז אויף אַבסטראַקטע סובסטאַנטיוון. אין דעם שטאַרקן שטרעבן צו בלײַבן געטרײַ צום מקור, צו זײַן פּינקטלעך אין דער איבערזעצונג און אויפצוהיטן די אידענטישקייט פון שורש ווערן אויך געשאַפן אַנדערע סובסטאַנטיוון, ווערבן און אַדיעקטיוון. לשון־קודש האָט אַ ווערב „אהל" פון דעם זעלביקן שורש ווי דער סובסטאַנטיוו „אהל" וועלכער ווערט פאַרטײַטשט געצעלט. כּדי אויפצוהיטן די פאַרבינדונג פון סובסטאַנטיוו און ווערב אין דעם זעלביקן שורש, ווערט פאַר דעם לשון־קודשן ווערב געשאַפן אַ קאָרעספּאָנדירנדיקער יִדישער ווערב געצעלטן (זיך). דער סובסטאַנטיוו „משל" ווערט פאַרטײַטשט בײַשפּיל (במדבר כ"ג, 7). אין לשון־קודש איז פאַראַן נאָך אַ סובסטאַנטיוו פון דעם זעלביקן שורש — „מושל", און פאַר דעם וואָרט וואָס מען האָט אויפגענומען ווי אַ מאָווירטן סובסטאַנטיוו צו „משל" ווערט געשאַפן אַ יִדישער סובסטאַנטיוו בײַשפּילער (זע ווערטער 3, 31, 40, 44, 45, 55, 66, 72, 74, 79, 80, 88, 95, 98, 100, 137ב, 145, 154, 229, 253, 273, 287, 303, 304, 340, 347 און 355).

די טײַטששפּראַך רעכנט זיך שטאַרק מיט דער עקזעגעטישער טראַדיציע וואָס האָט זיך געשאַפן במשך פון דורות און פלײַסט זיך די דאָזיקע טראַדיציע צו

---

[17] זע ווײַטער וועגן דער דיפערענצירונג פון באַטײַט אין דער טײַטששפּראַך.

ברענגען צום אויסדרוק. „הדבָרים“ ווערט שטראָפרייד (דבָרים א, 1), ווײַל רשי דערקלערט עס מיט „דבָרי תוכחות“. אַ נײַ וואָרט איז אָפט מאָל דער פּועל־יוצא פֿון דער דאָזיקער באַמיִונג אַרויסצוברענגען אַן עקזעגעטישן פּונקט פֿון דעם תּרגום אונקלוס, יונתן בן עוזיאל אָדער רשי. אין שיר השירים ח, 8 ווערט דאָס וואָרט „אחות“ פֿאַרטײַטשט אַ שוועסטער און באַהעפֿטערין. דאָס וואָרט באַהעפֿטערין נעמט זיך פֿון אַ דערקלערונג אין רשי: „שהיא מתאחה ומתחברת... עמנו“. אַזוי ווי דער שורש „חבֿר“ (בראשית י״ד, 3) ווערט פֿאַרטײַטשט באַהעפֿטן, האָט מען צום וואָרט „אחות“, שטיצנדיק זיך אויף רשיס דערקלערונג, געשאַפֿן אַ יִידישן מאָווירטן סובסטאַנטיוו באַהעפֿטערין. פֿאַר דעם סובסטאַנטיוו „חשוק“ (שמות כ״ז, 10) האָט די טײַטששפּראַך דאָס וואָרט אָנגאָרט. די פֿאַרבינדונג פֿון דעם יִידישן וואָרט מיט דעם לשון־קודשן דערקלערט זיך אַזוי. רשי, שטיצנדיק זיך אויף דעם תּרגום אונקלוס, פֿירט צוריק דאָס וואָרט „חשוק“ אויף דעם ווערב „חבש“. אַזוי ווי דער דאָזיקער ווערב ווערט פֿאַרטײַטשט אָנגורטן (בראשית כ״ד, 3), ווערט פֿאַר דעם וואָרט „חשוק“ געשאַפֿן דער סובסטאַנטיוו אָנגאָרט. די ווערטער „שלל“ און „מלקוח“ באַגעגענען זיך צוזאַמען און ווערן פֿאַרטײַטשט זאַקרויב און טרײַבראָוו. רשי דערקלערט „שלל — מטלטלין של מלבוש ותכשיטין“ — באַוועגלעך אייגנס, אַ באַגריף, פֿאַר וועלכן דאָס וואָרט זאַקרויב (פֿון מיטל־הויכדײַטש) פּאַסט זיך. „מלקוח“, דערקלערט רשי, איז „בבהמה“. פֿאַר דעם דאָזיקן באַגריף און ווי אַ פּאַראַלעל צו „זאַקרויב“ ווערט געשאַפֿן אין דער טײַטששפּראַך טרײַבראָוו[18] (זע אויך וואָרט 238).

3

אַ הויכע מדרגה שפּראַכיקע אַנטוויקלונג ווערט דערגרייכט אין דער טײַטששפּראַך. עס לאָזט זיך דאָ מערקן אַ פֿײַן שפּראַכגעפֿיל וואָס ברענגט אַרויס דעם חילוק אין באַטײַט און באַטײַט־ניואַנסן פֿון די לשון־קודשע ווערטער. ווײַטער האָבן מיר דאָ אַ מאַניפּולירן מיט דער יִידישער שפּראַך, וואָס ברענגט אַרויס אירע

---

[18] טייל מאָל זײַנען די מפֿרשים מחולק אין דעם באַטײַט פֿון אַ וואָרט, און דער דאָזיקער חילוקי־דעות שפּיגלט זיך אָפּ אין דער טײַטששפּראַך. אין דבָרים י״ב, 30, ווערט דאָס וואָרט „תנקש“ פֿאַרטײַטשט אין דעם תּרגום אונקלוס — „תּתקל“ — געשטרויכלט ווערן. רשי קריגט אויף דעם תּרגום; ער זאָגט: „ואני אומר שלא חש לדקדק בלשון...“ און פֿירט אויס, אַז דאָס וואָרט מיינט „...להיות כּרוך אחר מעשיהם...“ כּדי יוצא צו זײַן לכל הדעות, ברענגט דער עבֿרי־טײַטש־חומש דעם טײַטש פֿון אונקלוס און שטעלט צו מיט אַן אָ ד ע ר רשיס טײַטש: ...טאָמער ווּעסטו געשטרויכלט ווערן נאָך זיי אָדער דו ווּעסט קלאַפּן נאָך זיי. דער מ״מ האָט געשטרויכלט ווערן און אין האַלבע לבֿנות קלאַפּן. מיגלעך, אַז דאָס וואָרט האָט מיט אונדזער שמועסשפּראַכיקן וואָרט קלאַפּן גאָרניט צו טאָן, נאָר ס׳גייט צוריק צום מה״ד און פֿנה״ד וואָרט Klufe — ׳אַ העפֿטנאָדל׳ (באַהדער, ז׳ 150), און באַטײַט ׳זיך באַהעפֿטן׳ („להיות כּרוך אחר“). דער באַקאַנטער מינכענער גלאָסאַר פֿאַרטײַטשט דאָס וואָרט „ישׂפּיקו“ אין ישעיהו ב, 6 זולן קלופּן, ווו דער המגיד האָט זיך ביהעפֿטן.

פּאָטענציעלע אויסדריק־פֿעיִקייטן ביז אַ הויכער מדרגה. לאָמיר נעמען דאָס וואָרט „צדיק". עס באַגעגנט זיך אין חומש הן ווי אַ סובסטאַנטיוו הן ווי אַן אַדיעקטיוו. ווי אַ סובסטאַנטיוו בלײַבט עס אומפֿאַרטײַטשט אין דעם עט"ח; בלויז אין דבֿרים ל"ב, 4 איז עס פֿאַרטײַטשט גערעכט, און דאָרט איז דער טײַטש באַזירט אויף רש"יס אינטערפּרעטאַציע „הכּל מצדיקין עליהם את דינו". אין איין פֿאַל (שמות כ"ג, 7) שאַפֿט די טײַטששפּראַך אַ נײַעם סובסטאַנטיוו גערעכ־טיקער, כּדי איבערצוגעבן דעם באַגריף פֿון „צדיק". ווען מען קוקט זיך אײַן, זעט מען, אַז דאָס וואָרט ווערט דאָרט באַנוצט לחלוטין אין אַן אַנדער באַטײַט ווי געוויינטלעך. נאָך דער תּרגום אונקלוס האָט באַמערקט דעם חילוק אין באַטײַט פֿון דעם וואָרט אין דעם פּסוק און דאָס געבראַכט צום אויסדרוק. אומע־טום זעצט דער תּרגום איבער דעם סובסטאַנטיוו „צדק" — „זכאי", און אין דעם אָרט מיט דער פֿראַזע „די נפק דכי מן דינא". רש"י גייט אין די פֿוסטריט פֿון דעם תּרגום און דערקלערט דאָס וואָרט „צדיק... שנצטדק בבית דין", ד"ה דאָס בית־דין האָט אים דערקלערט אומשולדיק אין אַ געוויסן חטא, אין וועלכן מען האָט אים באַשולדיקט, אָבער קיין צדיק אין דעם אַנגענומענעם זינען פֿון דעם וואָרט איז ער ניט. כּדי אויסצושיידן דעם דאָזיקן אונטערשייד אין באַטײַט און בלײַבן געטרײַ דעם מקור, האָט די טײַטששפּראַך געשאַפֿן דאָס וואָרט גערעכ־טיקער.

פֿאַר דעם סובסטאַנטיוו „ציד" האָט די טײַטששפּראַך צוויי ווערטער: געיעג און פֿאַנגונג. אין די צוויי ווערטער קומט צום אויסדרוק אַ פֿײַנער סעמאַנטישער חילוק, באַזירט אויף אַן אַלטער עקזעגעטישער טראַדיציע. פֿאַנגונג קומט פֿאַר נאָר בנוגע יעקבֿן אָדער יצחקן; געיעג — בנוגע עשׂון. אויף דעם וואָרט „וצודה" (בראשית כ"ז, 3) מאַכט רש"י: „מן ההפקר ולא מן הגזל", און ווײַטער (בראשית כ"ז, 5), וווּ עס ווערט דערציילט, אַז עשׂו איז געגאַנגען „לצוד ציד להביא", באַ־מערקט רש"י: עשׂו איז שוין געגאַנגען מיט דער דעה, אַז אויב ער וועט ניט געפֿינען קיין הפֿקרע חיה, זאָל ער גזלען. אין דעם עט"ח דריקט זיך דאָס אויס אַזוי: געגאַנגען איז ער אויסצופֿירן דעם פֿאָטערס געבאָט, ד"ה צו פֿאַנגען אַ פֿאַנגונג, אָבער געטראַכט האָט ער שוין וועגן גזלען. דער „בעל הטורים", וואָס ווי אַ מומחה אין גימטריאות איז זײַנס גלײַכן גאָר ניטאָ אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור, האָט אויסגעפֿונען, אַז דער „לצוד" וואָס שטייט בײַ עשׂון איז בגימטריא „מן גזל". משמעות, אַז געיעג איז געוועזן אַ פּעיאָראַטיוו פֿון פֿאַנגונג, און מיט דער צײַט, אַזוי ווי דער עסק איז בכלל געוואָרן אַן ענין נאָר פֿאַר גויים, האָט דאָס וואָרט געיעג באַקומען די איבערהאַנט און אַרויסגעשטופּט פֿאַנגונג. אין דעם חדר־טײַטש (ווו דער דאָזיקער חילוק, ווי אַלע אַנדערע סעמאַנטישע חילוקים פֿון דעם מין, איז אָפּגעווישט געוואָרן) האָט גובֿר געווען געיעג.

אין לשון־קודש שטייט דאָס וואָרט „דם" פֿאַר אַ ריי באַגריפֿן וועלכע ווערן דערקלערט פֿונעם קאָנטעקסט. די טײַטששפּראַך פֿאַרלאָזט זיך ניט בלויז אויפֿן קאָנטעקסט און פּרוווט די דאָזיקע פּילפּאַכיקייט אין באַטײַט אַרויסצוברענגען שפּראַכיק. געוויינטלעך ווערט „דם" פֿאַרטײַטשט בלוט (בראשית ד, 10; ט, 4;

א״אַנד). אין במדבר ל״ה, 27, ווו עס רעדט זיך וועגן די ערי־מקלט, שטייט געשריבן: אויב דער רוצח פֿאַרלאָזט די ערי־מקלט פֿאַר דער צײַט און דער גואל־הדם הרגעט אים, איז „אין לו דם״. אין דעם פּסוק ווערט „דם״ פֿאַר־טײַטשט שולד (איז ניט פֿאַר האנדן צו אים קיין שולד), ד״ה ער איז אין גאַנצן פֿרײַ פֿון יעטווידער שולד, אַפֿילו פֿון דער שולד פֿון הרגענען אַ מענטש בשוגג, און דאַרף ניט אַנטלויפֿן אין די ערי־מקלט. אין דבֿרים י״ט, 10 שטייט, אַז אויב עס ווערט פֿאַרגאָסן אומשולדיק בלוט „והיה עליך דמים״. דאַ ווערט דאָס וואָרט פֿאַרטײַטשט שולדבלוט, ד״ה אַ פֿאַרשטאַרקטע פֿאָרעם פֿון שולד — אָן אַחריות פֿאַר דעם בלוט. דער דאָזיקער טײַטש בלײַבט אויך געטרײַ דער עקזעגעטישער טראַדיציע. דער תּרגום אונקלוס פֿאַרטײַטשט דאָס וואָרט „חובת דין דקטול״, און יונתן בן עוזיאל — „חובת דין קטולא״ (לוטער: Blutschuld). דעסט גלײַכן אין דער הפֿטרה פֿון שלח, יהושע ב, 19, ווו ס׳גייט וועגן באַטאַנען, אַז אויב דער מענטש וועט ניט אויספֿאָלגן אַלע באַדינגונגען פּינקטלעך איז „דמו בראשו״, ד״ה דאָס אַחריות פֿאַר זײַן טויט פֿאַלט אויף אים אַליין, ווערט דאָס וואָרט אויך פֿאַרטײַטשט שולדבלוט.

דער סובסטאַנטיווער „מראה״ קאָן אין לשון־קודש באַטײַטן דעם אַבסטראַקטן אַקט פֿון זען, אָדער דעם רעזולטאַט און אָביעקט פֿון דעם זען, דאָס געזעענע. די טײַטששפּראַך דיפֿערענצירט די צוויי באַטײַטן. פֿאַר דעם לעצטן האָט זי דעם סובסטאַנטיוו געשטאַלט, און פֿאַר דעם ערשטן אַן אַבסטראַקט זעונג.

אין דער טײַטששפּראַך מערקט זיך אויך אַ טענדענץ ניט צו ניצן בנוגע גאָט אַזעלכע אויסדרוקן וואָס ווערן באַנוצט בנוגע מענטשן און וואָס קאָנען פֿירן צו אומגעוווּנטשענע אינטערפּרעטאַציעס. אַזוי אַ שטייגער ווערט דער ווערב „הנחם״ (נפֿעל) פֿאַרטײַטשט זיך באַראַטן, ווו דאָס וואָרט קומט פֿאַר בנוגע גאָט (בראשית ו, 6 און 7; שמות ל״ב, 12 און 14; און דבֿרים ל״ב, 36), אָבער חרטה האָבן, ווו עס קומט פֿאַר בנוגע אַ מענטש (במדבר י״ג, 29, און אין שמות י״ג, 17): טאָמער וועט זיך באַראַטן דאָס פֿאָלק ישׂראל און חרטה האָבן... דעם אויסדרוק חרטה האָבן האָט מען געהאַלטן פֿאַר אומפּאַסיק צו ניצן בנוגע גאָט. נאָך אין המגיד באַגעגענען מיר שפּורן פֿון דער דיפֿערענצירונג אין טײַטש פֿון וואָרט. דאָס וואָרט ווערט פֿאַרטײַטשט זיך באַדענקען בנוגע גאָט. אין ירמיה ל״א, 19, ווו עס רעדט זיך וועגן אַ מענטש, ווערט דאָס וואָרט „נחמתי״ פֿאַרטײַטשט: האב איך מיך בידאכט און׳ האב חרטה...

דעסט גלײַכן דאָס וואָרט „שופֿט״ ווערט געוויינטלעך פֿאַרטײַטשט ריכטער אָדער געלאָזט אומפֿאַרטײַטשט (גאַנץ זעלטן!). אין בראשית א, 25 שטייט דאָס וואָרט אויף גאָט און ווערט פֿאַרטײַטשט רעכטער [=ריכטער] [פֿון דער וועלט]. אַ פּנים אַז דעם אויסדרוק „דער דיין פֿון דער וועלט״ האָט מען געפֿונען אומ־פּאַסיק בנוגע גאָט.

טייל מאָל ווערט דיפֿערענצירט אין טײַטש צווישן ווערטער בנוגע מענטשן און ווערטער בנוגע חיות און עופֿות. דאָס וואָרט „משפּחה״ ווערט געוויינטלעך

געלאָזט אומפאַרטײַטשט, אָבער בראשית ח, 19, ווו עס רעדט זיך וועגן משפחות פון חיות, עופות און שרצים, ווערט עס פאַרטײַטשט געשלעכט.

דאָס וואָרט „קרחה" קומט פאַר צוויי מאָל אין חומש. אין ויקרא כ"א, 5 ווערט עס פאַרטײַטשט גאָלונג, ווײַל עס גייט דאָרט וועגן די האָר („לא יקרחו קרחה בראשם"). אין דבֿרים י"ד, 1 ווערט עס פאַרטײַטשט רײַסונג. דאָרטן שטייט „ולא תשימו קרחה בין עיניכם", און אַזוי ווי „בין עיניכם" איז קיין האָר ניט פאַראַן, איז ניט שייך צו זאָגן גאָלונג, — ניצט דער טײַטש אַן אַנדער וואָרט — רײַסונג. אומעטום ווערט „משחה" פאַרטײַטשט זאַלבונג, אין ויקרא ז, 35 — הערשונג. אין דעם פּסוק וואָלט דאָס וואָרט „זאַלבונג" זיך ניט געפּאַסט („זאת משחת אהרון ומשחת בניו מאשי ה'..."). דעסט גלײַכן איז זייער גרינג צו זען, פאַר וואָס אין שמות ל"א, 4 איז „מחשבות" פאַרטײַטשט מײַנסטער־שאַפט, בעת אומעטום ווערט עס פאַרטײַטשט טראַכטונג אָדער בלײַבט אומפאַר־טײַטשט. עס גייט דאָ וועגן בצלאל דעם אַרכיטעקט פונעם משכן, און נאָך דער תּרגום אונקלוס ניצט דאָ דאָס וואָרט „אומנון" (זע ווײַטער ווערטער 6 און 238). צווישן אַזעלכע ווערטער ווי באַשיידונג און באַשיידעניש, באַרויבונג און רויבונג, געצאָלטס און לוין, מידונג און מידקייט, לויב און לויבונג, פאַרכטיקייט און פאַרכט, זײַנען מסתּמא אַ מאָל געווען גאַנץ באַשטימטע חילוקים אין באַטײַט. די דאָזיקע חילוקים, וואָס די טײַטששפּראַך פלעגט זיך זיי אַרויסצוברענגען, זײַנען בלי־ספק באַשטאַנען אין דעם אָפּעקטיקן תּוכן אָדער דעם גראַד אינטענסיווקייט. אַן אָנווײַז אויף אַזאַ דיפערענצירונג אין דעם גראַד אינטענסיווקייט פון ווערטער געפינען מיר נאָך דאָ און דאָרט אין דער טײַטשפּראַך. אין דבֿרים כ"ט, 27 האָבן מיר אַ קלאָרע אָנצוהערעניש אויף דעם חילוק אין אָפּעקטיקן תּוכן פון דעם וואָרט צאָרן לגבי גרימצאָרן. עס ווערן דאָרט אויסגערעכנט דרײַ סינאָנימען אין אַן אויפשטײַגנדיקער שורה: „באף, ובחימה ובקצף גדול"; דאָס ווערט פאַר־טײַטשט: מיט צאָרן, מיט גרימצאָרן און מיט גרויסן גרימצאָרן.

4

ווערטער פון דער שמועסשפּראַך האָבן טייל מאָל אָנגענומען גאָר אַן אַנדער באַטײַט אין דער טײַטשפּראַך. צום בולטסטן קומט דאָס צום אויסדרוק אין אַזאַ מין זאַץ ווי בראשית ג, 10: און יוסף האָט געמאַכט צו זײַן פאָטער אַ קלאָג זיבן טעג. דער חילוק לאָזט זיך צום טייל דערקלערן אויף אַזאַ אופן. אין דער נאָרמאַלער שפּראַך־אַנטוויקלונג ווירקן כּסדר צוויי פּראָצעסן וואָס זײַנען זיך איינס דאָס אַנדערע משלים — דער פּעיאָראַטיווער און מעליאָראַטיווער. דער באַטײַט פון ווערטער ווערט כּסדר אָפּגעשוואַכט — אָדער, להיפך, פאַרשטאַרקט. אין דער שמועסשפּראַך זײַנען טייל ווערטער אָפּגעשוואַכט געוואָרן און האָבן אַ סך אָנגעווירן פון זייער אַמאָליקער וואָג, און אין דער טײַטשפּראַך האָבן זיי אויפגעהיט דעם אַלטן מקור־באַטײַט. אין מה"ד, און מסתּמא אויך אין אַלט־

ייִדיש,[19] האָט דאָס וואָרט באַלײדיקן געהאַט דעם באַטײַט פֿון ‘פֿיזיש אָנפֿאַלן און פֿאַרניכטן’. אין דער הײַנטיקער שמועסשפּראַך איז דאָס וואָרט שטאַרק פֿאַרבלאַסט געוואָרן און באַטײַט ניט מער ווי אַן אָנפֿאַל מיט ווערטער. דער אַלטער באַטײַט איז אויפֿגעהיט געוואָרן אין דער טײַטששפּראַך, און „צרור את המדינים“ (במדבר כ״ה, 17) ווערט פֿאַרטײַטשט באַלײדיק די מדינים.

אין טייל פֿאַלן גיט אונדז די טײַטששפּראַך אַ קלאָרן אָנווײַז אויף דעם אַלטן באַטײַט דורך צושטעלן אַ דערגאַנצנדיק וואָרט, אָדער ווערטער, אָדער גאָר אַ גאַנצע הערה. באַשטעטיקן הייסט אין דער מאָדערנער שמועסשפּראַך — באַקרעפֿטיקן אַ זאַך אָדער פֿאַקט דורך ברענגען ראַיות, אָדער סתּם ‘מסכּים זײַן’. דער מקור־באַטײַט פֿון דעם וואָרט אין אַלטדײַטש איז געווען staete machen, ד״ה גורם זײַן, אַז אַ זאַך זאָל קאָנען שטיין אויף די אייגענע פֿיס. דעם באַטײַט האָט עס אויפֿגעהיט די טײַטששפּראַך. דער פּסוק אין דבֿרים ל״ב, 6 „הוא עשך ויכוננך“ ווערט פֿאַרטײַטשט אין דעם עבֿרי־טײַטש־חומש ער האָט דיך באַשאַפֿן און באַשטעטיקט, רש״י שרײַבט . . . ויכוננך — ער האָט דיר געמאַכט פֿיס, דו זאָלסט האָבן אויף זיי אַ באַשטאַנד . . . דאָס וואָרט פֿאַרוואָגלען האָט אין אַלטייִדיש געהאַט אַ קרובֿישאַפֿט מיט דעם מה״ד verwagen, וואָס לעקסער דערקלערט עס ‘שאָקלען, אַרויסברענגען פֿון גלײַכוואָג’. דעם דאָזיקן באַטײַט האָט אויפֿגעהיט די טײַטששפּראַך. אין דער הפֿטרה שופֿטים, ישעיה נ״א, 19 ווערט דער פּסוק „מי ינוד לך“ פֿאַרטײַטשט ווער וועט פֿאַרוואָגלען מיט דעם קאָפּ (זע ווערטער 150, 180, 197, 306 און 320).

דער באַטײַט־אונטערשייד צווישן דער טײַטששפּראַך און דער שמועסשפּראַך איז ניט אַלע מאָל אַ כראָנאָלאָגישער. ניט אַלע מאָל היט די טײַטששפּראַך אויף אַן עלטערן באַטײַט און די שמועסשפּראַך — אַ ייִנגערן. אין אַ סך פֿאַלן קומט פֿאָר אַ דיפֿערענצירונג אין באַטײַט אויף איין און דעם זעלביקן אַנטוויקלונגסשטאַפּל פֿון אַ וואָרט. די טײַטששפּראַך נעמט אָן דעם ברייטערן באַטײַט פֿון אַ וואָרט, און די שמועסשפּראַך — דעם ספּעציפֿישן, אָדער להיפּוך. אין דער שמועסשפּראַך האָט געזעל (ן) דאָס רובֿ באַטײַט ‘אַ לערנייִנגל בײַ אַ בעל־מלאָכה’. אין דער טײַטששפּראַך האָט עס אויפֿגעהיט דעם מין־באַטײַט פֿון דעם וואָרט ge-selle ‘אַ מיטמענטש’. אַזוי ווערט „רעהו“ פֿאַרטײַטשט זײַן געזעל (זע ווערטער 187 און 233). קרויט האָט אין דער שמועסשפּראַך באַטײַט אַ ספּעציפֿיש געוויקס, און ניט דעם מין גראָז בכלל. אין דער טײַטששפּראַך האָט עס אויפֿגעהיט דעם מין־באַטײַט, און „עשב“ (דבֿרים ל״ב, 2) ווערט פֿאַרטײַטשט קרויט. דערקעגן האָט דאָס וואָרט יאָגן אין דער שמועסשפּראַך געהאַט אַ ברייטערן באַטײַט פֿון ‘טרײַבן אָדער לויפֿן פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן’, בעת אין דער טײַטששפּראַך האָט עס אָנגענומען אָדער אויפֿגעהיט אַ ספּעציפֿישן באַטײַט פֿון ‘פֿאַנגען חיות’.

---

[19] עס איז ניטאָ קיין גרונט אָנצונעמען, אַז בײַ ווערטער פֿון דעם מין איז געווען אַ חילוק אין באַטײַט צווישן אַלטייִדיש און דעם מיטצײַטיקן אַלטדײַטש.

דער אויבן דערמאָנטער פּעיאָראַטיווער און מעליאָראַטיווער פּראָצעס איז דער עיקר חל אויף ווערטער פֿון אַן עטישן אינהאַלט. דער אינטעלעקטועלער תּוכן פֿון אַ וואָרט דערלאָזט בלויז קאַרגע שינויים און בלייבט בדרך־כּלל פֿילווינציק סטאַביל. אויסגעשטעלט אויף גרויסע שינויים איז דער אַפֿעקטיקער אינהאַלט פֿון אַ וואָרט, און דער איבערבייַט אין באַטייַט פֿון ווערטער קומט צום גרעסטן טייל מצד דעם איבערבייַט אין זייער אַפֿעקטיקן תּוכן. אין ווערטער פֿון אַן עטישן אינהאַלט איז דער אַפֿעקטיקער תּוכן מכריע, און דערפֿאַר זייַנען די דאָזיקע ווערטער שטענדיק אין אַ מדרגה פֿון עולים־ויורדים. בייַ אַזעלכע ווערטער האָט זיך געשאַפֿן אַן אונטערשייד אין באַטייַט צווישן דער טייַטששפּראַך און דער שמועסשפּראַך צוליב דעם וואָס די ערשטע היט אויף דעם אַלטן און מקורדיקן באַטייַט פֿון אַ וואָרט אין זייַן פֿולער וואָג, בשעת ווען אין דער לעצטער ווירקן די אויבן דערמאָנטע פּראָצעסן. לאָמיר באַטראַכטן צוויי ווערטער מיט אַ היפּשן עטישן אינהאַלט: בייז און שלעכט. דער אַדיעקטיוו בייז האָט אין אַלטייִדיש, ווי אין אַלטדייַטש, געהאַט דעם באַטייַט 'קאָרופּט, געפֿאַלן, דער היפּוך פֿון גוט'. אין דער שמועסשפּראַך האָט דער אַדיעקטיוו בייז פֿאַרלוירן כּמעט זייַן גאַנצן עטישן אינהאַלט און אָנגענומען דעם באַטייַט בלויז פֿון אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון אַ שטימונג, דהייַנו 'זייַן אין כּעס'. עס איז גאַנץ מיגלעך, אַז אַ פֿרומער ייִד זאָל זייַן בייז אויפֿן חזן למשל, און עס קאָן אַפֿילו געמאָלט זייַן אַזאַ מין אויסדרוק ווי „גאָט איז בייז אויף זייַן פֿאָלק ישׂראל״. אין דער טייַטששפּראַך האָט דער אַדיעקטיוו אויפֿגעהיט זייַן פֿולן עטישן ווערט. „ויהי בכור יהודה רע בעיני ה׳״ (בראשית ל״ח, 7) ווערט פֿאַרטייַטשט: און ער . . . איז געווען בייז אין גאָטס אויגן. דער זעלביקער פּראָצעס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט בייַ דעם וואָרט שלעכט, נאָר פּונקט אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג. אין אַלטייִדיש און אין אַלטדייַטש האָט דאָס וואָרט געהאַט דעם נייטראַלן באַטייַט פֿון 'פּשוט, מיטלמעסיק'. דעם באַטייַט געפֿינען מיר נאָך אין אַ צאינה וראינה, ווילנע 1878, ווו דער זאַץ „להראות העמים והשׂרים את יפיה״ (אסתר א, 11) ווערט פֿאַרטייַטשט „העמים״ (אין קאָנטראַסט צו „והשׂרים״) — די שלעכטי לייט (קצ״א). ענלעך איז מיט דעם אַדיעקטיוו פֿרום. אין דער שמועסשפּראַך האָט ער שטאַרק אָנגעווירן אין וואָג און זיך מצמצם געווען צום תּחום פֿון ריטואַליזם. אין אַלטייִדיש האָט דאָס וואָרט, ווי אין אַלטדייַטש, באַטייַט 'אַ מושלם אין אַלע מעלות'. די טייַטששפּראַך האָט אויפֿגעהיט דעם אַלטן באַטייַט און טייַטשט „והאיש משה ענו״ (במדבר י״ב, 3) — משה איז געווען פֿרום.[20]

אַפֿילו לשון־קודשע ווערטער וועלכע זייַנען אַרייַן אין דער ייִדישער שפּראַך און האָבן בייַ אונדז פֿאַרלוירן פֿון זייִער וואָג אָדער אָנגענומען אַ ספּעציפֿישן באַטייַט האָבן אין דער טייַטששפּראַך אויפֿגעהיט זייער מקור־באַטייַט. אין לשון־קודש האָט דער סובסטאַנטיוו „לויה״ באַטייַט 'אַ געזעלשאַפֿט, אַ באַלייט'. די משנה באַצייכנט אַ געזעלשאַפֿט מיט „בני לויה״, דהייַנו אַ גרופּע מענטשן וואָס

[20] לוטער שרייַבט אַפֿילו אין דבֿרים ל״ב, 4: .from ist Gott

גייען אָדער פֿאָרן צוזאַמען. פֿאַר דעם ספּעציפֿישן באַטײַט פֿון 'אַרויסבאַלייטן אַ טויטן' ניצט לשון־קודש די קאָמבינאַציע „הלוית המת". אין דער שמועס־שפּראַך האָט דאָס וואָרט אָנגענומען דעם ספּעציפֿישן באַטײַט פֿון 'באַלייטן אַ טויטן'. דער מקור־באַטײַט פֿון דעם וואָרט האָט זיך אויפֿגעהיט אין דער טײַטש־שפּראַך. אין דבֿרים כ"א, 7, בײַ דער צערעמאָניע פֿון עגלה ערופֿה, שטייט, אַז די זקנים דאַרפֿן זאָגן „ידינו לא שפֿכו את הדם". מאַכט רשי, אַז דאָס מיינט: מיר האָבן דעם פֿרעמדן ניט אַוועקגעשיקט „בלא מזונות ובלא לויה" — אָן עסן און אָן באַלייט. אין דער טײַטששפּראַך איז דאָס אינטערפּאָלירטע איבער־געגעבן געוואָרן: אָן שפּײַז און אָן לוויה. דאָס וואָרט „ברית" האָט אין דער שמועסשפּראַך אָנגענומען אַ ספּעציפֿישן באַטײַט, אָבער אין דער טײַטשפּראַך האָט עס אויפֿגעהיט דעם מקור־באַטײַט פֿון דעם לשון־קודש: דאָס איז דער צייכן פֿון דעם ברית... מײַן רעגן־בויגן..., לייענען מיר אין בראשית ט, 12. ענלעך איז מיט „כּבֿוד". אין לשון־קודש האָט דאָס וואָרט אויך באַטײַט 'רײַכקייט, פֿאַרמעגן'. אין דער ייִדישער שמועסשפּראַך האָט עס דעם באַטײַט ניט אויפֿ־געהיט, בלויז די טײַטשפּראַך ווייס פֿון אים: יעקבֿ האָט געהערט לבֿנס זין טענהן, אַז יעקבֿ האָט זייער פֿאָטער אָפּגענאַרט (בראשית ל"א, 1), „ומאשר לאבינו עשׂה את כל הכבוד הזה". געפֿינען מיר: און פֿון וואָס צו אונדזער פֿאָטער געהער, כּלומר פֿון אונדזער פֿאָטערס גוטס האָט יעקבֿ אײַנגעזאַמלט גאָר דעם כּבֿוד... דאָ אָבער געפֿינט דער עט"ח פֿאַר נייטיק מוסיף צו זײַן דאָס איז געמיינט דאָס גרויסע האָב. אין אַ צאינה וראינה (ווילנע 1878) געפֿינט זיך אַזאַ זאַץ: דרום זאָל מען זען צו זײַן שפּל מיט זײַן עושר אין אַלע זאַכן... (צווייטע טייל, ז' מ"ד).

5

דער חילוק אין באַטײַט פֿון אַ וואָרט צווישן דער שמועסשפּראַך און דער טײַטשפּראַך האָט זיך שוין געוואָרפֿן אין די אויגן די קאָמפּילאַטאָרס־איבערזעצערס פֿון דעם עבֿרי־טײַטש־חומש.[21] זיי האָבן אײַנגעזען, אַז אַזאַ מין חילוק קאָן פֿירן צו אַ טעותדיקער אויסטײַטשונג. אָבער פֿון יִראת־הכּבֿוד פֿאַר דער טײַטש־טראַדיציע האָבן זיי די דאָזיקע ווערטער ניט פֿאַרביטן, נאָר צו פֿאַרהיטן פֿון טעות האָבן זיי אין טייל פֿאַלן צוגעשטעלט דאָס שמועסשפּראַכיקע וואָרט מיט אַ כּלומר אָדער אַ דאָס הייסט.[22] אין מה"ד באַטײַט bevelhen 'אָנגעטרויען'. אין דעם פּסוק, ווו עס ווערט דערציילט, אַז פּוטיפֿר האָט יוספֿן באַשטימט פֿאַרן אויפֿזעער איבער זײַן הויז, ווערט די לשון־קודשע פֿראַזע „ויפֿקידהו על ביתו"

---

[21] זע ווײַטער דאָס קאַפּיטל וועגן דעם עבֿרי־טײַטש־חומש.

[22] אַן ענלעכע פּראָצעדור געפֿינען מיר אין טייל דײַטשע ביזלוטערשע ביבלען בײַ די אַרכאַיִשע ווערטער. אין שפּעטערדיקע אויסגאַבעס ווערט צו די דאָזיקע ווערטער צוגעשטעלט אַ מיטצײַטיק וואָרט מיט אַן „אָדער". אין דער פּוילישער תּהילים־איבערזעצונג פֿון 14טן י"ה, באַוווסט אונטערן נאָמען דער פֿלאָריאַנוס־תּהילים, ווערן טייל מאָל געבראַכט אַזש צוויי אַזעלכע אויסטײַטשווערטער: lichota albo zgłoba albo niesprawiedliwość.
(ציטירט לויט Aleksander Brückner, *Dzieje Języka Polskiego*, ז' 178־179).

איבערגעזעצט און ער האָט אים באַפֿוילן איבער זײַן הויז. כּדי אָבער דעם באַטײַט קלאָרער צו מאַכן — היות אין דער טאָג־טעגלעכער שפּראַך באַטײַט דאָך דער ווערב באַפֿעלן — 'אָנזאָגן, איבערשיקן אַ ידיעה', — געפֿינט דער עט״ח פֿאַר נייטיק צוצושטעלן: כּלומר ער האָט אים געמאַכט פֿאַר אַן עלטסטן. פֿאַרוואָרפֿן האָט אין דער שמועסשפּראַך גאָר אַן אַנדער באַטײַט ווי אין דער טײַטששפּראַך. שמועסשפּראַכיק באַטײַט עס 'שטעלן אַ זאַך ניט אויפֿן ריכטיקן פּלאַץ'. ווען דער פּסוק בראשית כ״ז, 45, „למה אשכּל גם שניכם" ווערט פֿאַרטײַטשט וואָרום זאָל איך ווערן פֿאַרוואָרפֿן, מוז שוין דער עט״ח צושטעלן אַ דערקלערונג כּלומר איך וועט שטאַרבן (זע ווערטער 9, 59, 133, 213, 292, 294, 295, 299, 306, 308).

דער טײַטש שפּיגלט בכּלל אָפּ דאָס ייִדישע לעבן אין אַלע זײַנע מאַניפֿעסטאַציעס. די ריטואַליזירונג פֿון ייִדישן לעבן געפֿינט אין אים אַן אָפּקלאַנג. ניט נאָר גיט דער טײַטש איבער די ריטואַליזירנדיקע דערקלערונגען פֿון רשין און אַנדערע מפֿרשים — ווי אַ שטייגער (בראשית מ״ו, 31), ווען יעקבֿ האָט זיך באַגעגנט מיט יוספֿן אין מצרים האָט יעקבֿ געהאַלטן אין מיטן דאַווענען און ניט געטאָרט מפֿסיק זײַן; אַז יעקבֿ האָט געלערנט אין דער ישיבֿה פֿון שם ועבֿר (בראשית כ״ה, 27) — ער גיט נאָך צו אַ נופֿך משלו. אין בראשית כ״ה, 34 ווערט דערציילט וועגן עשׂו „ויאכל, וישת, ויקם, וילך...", האָט זיך פֿאַר דעם פּסוק אויסגעפֿורעמט אַזאַ מין טײַטש־נוסח: ויאכל — און ער האָט געגעסן און ניט געמאַכט קיין ברכה, וישת — און געטרונקען און ניט געמאַכט קיין שהכּל, ויקם — און אויפֿגעשטאַנען און ניט געבענטשט, וילך — און איז אַוועקגעגאַנגען און ניט געקושט די מזוזה. אין דעם עט״ח איז דער נוסח ניט פֿאַראַן, איך האָב אים אָבער געהערט פֿון אַ צאָל מענטשן. וועגן בועזן ווערט דערציילט (רות ב, 1), אַז ער איז געווען אַ „גבור חיל" — אַ שטאַרקער העלד, ווערט אָבער תּיכּף צוגעשטעלט כּלומר אַ גרויסער צדיק. אין בראשית כ״ה, 8 ווערט דערציילט, אַז אַבֿרהם איז געשטאָרבן „זקן ושׂבֿע". גיט דאָס די טײַטש־טראַדיציע איבער אין אַזאַ נוסח: זקן — אַלט אין יאָרן, ושׂבֿע — זאַט אין מיצוות און אין מעשׂים־טובֿים.

די סאָציאַלע איבערשאַצונגען אין ייִדישן לעבן געפֿינען אויך זייער אויסדרוק. דער חומש באַשרײַבט יוספֿס ברידער בזה הלשון: „והאנשים רועי צאן כּי אנשי מקנה היו וצאנם ובקרם וכל אשר להם הביאו", קומט דאָס אין דעם טײַטש אַרויס אַזוי: און די מענטשן זײַנען פּאַסטעכער פֿון שאָף... כּלומר זיי פֿלעגן האַנדלען תּמיד מיט שאָף דריבער...

די פֿאַרזיכדיקייט פֿון דער טײַטששפּראַך און איר שײַכות צו גאָר אַן אַנדערער און געהויבענער ספֿערע ווי די שמועסשפּראַך האָט באַנומען און ליטעראַריש אויסגעניצט ניט קיין קלענערער ווי מענדעלע. די שמועסשפּראַך איז די שפּראַך פֿון טאָג־טעגלעכן לעבן, פֿון דער וואָכעדיקער ווירקלעכקייט; די טײַטששפּראַך איז די שפּראַך פֿון יום־טובֿדיקייט, פֿון געהויבענער שטימונג. ווי נאָר דער העלד פֿון „מסעות בנימין השלישי", וועלכער פּרוווט מיט אַלע מיגלעכקייטן

זיך צו באַפֿרײַען פֿון דער וואָכעדיקער ווירקלעכקייט, דערפֿילט זיך אין אַ געהויבענער שטימונג, הייבט ער אָן רעדן דאָס געהויבענע לשון פֿון דער טײַטששפּראַך: פּיפּערנאָטער, כּצפּיחת.[23] כּדי צוצוגעבן קאָליר צו זײַנע איבערלעבונגען, איז אָט ווי אַזוי ער מאָלט אויס זײַנעם אַ נסיון: ער האָט זיך פֿאַרבאָרגן הינטער דער ווינטמיל און געלוגט דאָרט ווי אַ לייב לוגט אויף זײַן פֿאַרצוקונג. זײַן בענקעניש צו זײַן געטרײַען געזעלן איז ווי אַן אינד וואָס געלוסט אויף קוואַלן וואַסער.[24] אויף דעם פּרט אין דער שפּראַך פֿון מענדעלען האָט בשעתו ש. ניגער אָנגעוויזן אין זײַן אויסגעצייכנטער שטודיע איבער מענדעלען.[25] אָבער מענדעלעס באַנוצן זיך מיט דער טײַטששפּראַך איז ניט בלויז סטיליזאַציע, עס שטעקט אין דעם אַ טיפֿער פֿאַרשטאַנד פֿאַר דעם מהות פֿון דער שפּראַך. די טײַטששפּראַך גיט די העלדן פֿון בנימינס וועלט כּמעט אַ העראָישן פֿורעם. פֿאַר דער פֿיקציע „אָמר ר' מענדעלע מוכר־ספֿרים" זײַנען אַזעלכע אויסדרוקן ווי צווישן די געמאַרקן און אַ ווינזלטיר זייער נאַטירלעך. אַ דיסאָנאַנס זײַנען זיי אין דער אַטמאָספֿער פֿון דעם מאַרקפּלאַץ. הערן מיר טאַקע דאָרט אַ פּשוט שמועסשפּראַכיק ייִדיש, שטאַרק געפֿאַרבט מיט סלאַוויזמען. דער דואַליזם אין דעם לעבן פֿון דעם יונגן שלמהלע — מענדעלע גופֿא לײַכט פֿאַרמאַסקירט — מוז זיך אויסדריקן אין צוויי שפּראַכסטילן וואָס געהערן צו צוויי פֿאַרשיידענע ספֿערעס. אין גאַס רעדט שלמהלע פּשוט ייִדיש, שטיפֿט מיט זײַנע חבֿרים און יאָגט זיך מסתּמא נאָך קעץ און הינט, און אַז ער ווערט דאָרשטיק טרינקט ער אַ גלאָז וואַסער. שלמהלע ווען ער האָט זיך דערהויבן אין די עולמות רעדט טײַטששפּראַך, זעט פֿאַר זיך לעמפּערטן און טערקלטויבן און טרינקט אויס אַ לאָגל. און די טײַטששפּראַך פֿאַרשאַפֿט הנאה ניט נאָר מענדעלען אַליין, נאָר אויך דעם לייענער. זי קומט צו אים ווי אַן אָפּקלאַנג פֿון אַמאָליקע גוטע יאָרן. זי דערמאָנט אין דעם ספּעציעלן חדר־ניגון פֿאַר דעם ליריש־פּאַטעטישן פּסוק „ואני בבואי מפּדן..." און רופֿט אין אים אַרויס אַ שטימונג פֿון ערבֿ־יום־טובֿדיקייט.[26]

6

הגם מיר האָבן זיך ווען ניט ווען באַנוצט אין אונדזער שטודיע מיט אַן עלטערער איבערזעצונג פֿון דעם חומש, האָבן מיר אַ פֿיל־ווינציק גרונטיקע שטודיע ערשט געמאַכט פֿון די אויסגאַבעס פֿון דער צווייטער העלפֿט 19טן י"ה און שפּעטער. אין די זעכציקער יאָרן פֿון לעצטן יאָרהונדערט זײַנען די געדרוקטע טײַטשן פֿון דעם חומש אין אַ געוויסער מאָס סטאַנדאַרדיזירט געוואָרן.

[23] אַלע ווערק פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים, באַנד 6, ז' 25. וואַרשע 1928.

[24] דצ"וו, ז' 37.

[25] דצ"וו, באַנד 1, ז' 95 א"וו, אויך ז' 144.

[26] דער יונגער ווילנער דיכטער סוצקעווער באַנוצט זיך אויך אָפֿט מיט דער טײַטששפּראַך, און דאָס, ווי מיר דוכט, אויך כּדי צו דערגרייכן אַ ליטעראַרישן עפֿעקט, דהײַנו צו שאַפֿן אַ שטימונג פֿון געהויבנקייט, ניט בלויז מחמת לינגוויסטישע טעמים פֿון רעהאַביליטירן די טײַטששפּראַך אין דער שמועסשפּראַך.

די פֿאַרשײדענע אויסגאַבעס פֿון דעם עט״ח גײען שוין ניט מער אין „װײַבער־כתבֿ״, נאָר אין לשון־קודשע מרובע־אותיות, און זײ זײַנען שטאַרק ענלעך אײנע צו דער צװײטער מיט קנאַפּע שינױים. די אויסגאַבעס אַ שטײגער פֿון װאַרשע 1862 און פֿון װין 1865 זײַנען אידענטיש הן אין שפּראַך הן אין אָרטאָגראַפֿיע. קלײנע, אָבער אינטערעסאַנטע, חילוקים אין אָרטאָגראַפֿיע, און טײל מאָל אויך אין אַ װאָרט, געפֿינען זיך צװישן די אויסגאַבעס פֿון װילנע און װאַרשע, װילנע און פּיעטריקאָװ, און אין די פֿאַרשײדענע אויסגאַבעס פֿון װילנע גופֿא. אַ לעמבערגער אויסגאַבע פֿון 1863 באַנוצט זיך מיט דעם אות י זײער זעלטן, על־פּי־רובֿ נאָר אין די לשון־קודשע װערטער. אויפֿן אָרט פֿון דעם י קומט ו, דהײַנו דו קונדער (די קינדער), אוך (איך) אאַז״װ. דעסט גלײַכן אַן אויסגאַבע פֿון יוזעפֿאָװ 1873 שרײַבט דור (דיר), פֿוש (פֿיש), אָבער ניט גאַנץ קאָנסעקװענט, װײַל טײל מאָל שטײט אויך דיר.

די גרויסע ענלעכקײט צװישן די פֿאַרשײדענע אויסגאַבעס איז אַזױ צו דערקלערן. דער עט״ח איז צו דער צײַט װאָס מיר נעמען אין באַטראַכט זײער אַ פּאָפּולערער ספֿר. נײַע אויסגאַבעס גײען אַרויס גאָר אָפֿט. אין אײן יאָר 1898 גײען אַרויס אין װילנע אַלײן צװײ פֿאַרשײדענע אויסגאַבעס פֿון צװײ קאָנקורירנדיקע פֿאַרלעגערס. אײַנזעענדיק, אַז די דאָזיקע חומשים זײַנען אַ גײיִקע סחורה, האָבן די פֿאַרלעגערס זיך באַמיט דעם אַרטיקל צוצושטעלן.[27] דאָס איז געטאָן געװאָרן אויף אַזאַ אופֿן. מען האָט אָנגעשטעלט אַ מענטשן („מעתיק״), ער זאָל איבערזעצן דעם חומש און קאָמפּילירן די אַנדערע מעלות און הוספֿות װאָס פֿלעגן װערן אויסגערעכנט אויף דעם שער־בלאַט. אין דער הקדמה צו אַ װילנער אויסגאַבע פֿון 1882 (אַן איבערדרוק פֿון אַן אויסגאַבע פֿון 1874) שטײט אַזױ: באשר מיר האָבן געזען, אַז דער טײַטש פֿון אַלע אַנדערע חומשים איז זײער אַ פֿאַרגרײַזטער [„לשונה משובשת מאד״]... על־כּן האָבן מיר באַשלאָסן צו פֿאַרבעסערן דעם דאָזיקן פֿעלער דורך אַן איבערזעצער אַ חכם מפֿורסם װעלכער האָט געלײַטערט די שפּראַך פֿון די גרײַזן...[28] דער דורכשניטלעכער איבערזעצער־קאָמפּילאַטאָר איז אָבער קײן חכם מפֿורסם ניט געװען, אויך האָט ער זיך געזוכט זײַן אַרבעט װי װײַט מיגלעך צו פֿאַרגרינגערן, על־כּן האָט ער די פֿיל שװערערע אויפֿגאַבע פֿון אַן איבערזעצער אין גאַנצן פֿאַרביטן אויף דער פֿיל גרינגערער פֿון אַ קאָמפּילאַטאָר. ער האָט גענומען מן המוכן אַ געדרוקטן „אַפּיר״ און אים — אָדער מחמת פֿעלן פֿון ידיעות, אָדער אויס

---

[27] די פֿאַרלעגערס זוכן אויך צוצוציִען דעם קונה מיט כּל־המיני רעקלאַמעס. אַ בריה אַ פֿאַרלעגער אין פּיעטריקאָװ ניצט אַפֿילו אויס דעם לפּ״ק פֿאַר דעם צװעק. זײַן אויסגאַבע פֿונעם חומש גײט אַרויס אין דעם יאָר בשנת „קחו ולמדו בה כּי אין כּיפּיה וטובה בכל העולם״ לפּ״ק. אַ פֿריִערדיקע אויסגאַבע איז אַרויס בשנת „כּל אוהבי השם יקנו כּי טוב היא״ לפּ״ק.

[28] די לײַטערונג פֿון דער שפּראַך איז באַשטאַנען סך־הכּל אין פֿאַרבײַטן אַ גרויסן טײל אַרכאַיִשע װערטער אויף דײַטשע װערטער: „שפת היאור״ איז אויף דעם אופֿער און ניט באָרטן (בראשית מ״א, 3); „האזרח״ — איז בירגער, און ניט אַלט־געזעסענער (שמות י״ב, 48); „על פּי ה׳״ — װי גאָטס באַפֿעהלע [!] װאָר (במדבר י, 13).

יִראַת־הכּבֿוד — געלאָזט בשלימות איבערדרוקן. אָדער, ווו די דאָזיקע צוויי מאָטיוון זײַנען אָפּגעפֿאַלן, האָט ער אין דעם אָפּיר אַרײַנגעבראַכט די פּאָר שינויים וואָס זײַנען נייטיק געווען, כּדי אים צו געבן לאָקאַלן קאָליר, און דאָס אַרויסגע־געבן ווי אַ נײַע אויסגאַבע.

אַז די טעטיקייט פֿון אַ גרויסן טייל איבערזעצערס האָט זיך כּמעט אין גאַנצן באַגרענעצט מיט קאָמפּילירן, און אַז אַ טייל איבערזעצערס־קאָמפּילאַטאָרס איז געווען אָפּהענגיק פֿון אַן אָפּיר איז קלאָר פֿון אַזאַ פֿאַקט. פֿאַראַן אין חומש פּסוקים וואָס חזרן זיך איבער כּמעט וואָרט פֿאַר וואָרט. אַזעלכע ערטער קומען פֿאָר אין במדבר ד, 34—56, במדבר ז, 19—89, און במדבר כ״ט, 8—35. אין די אויסגאַבעס פֿון נאָך 1862 פֿעלן די איבערחזרונגען אין דעם טײַטש און עס ווערט אָנגעוויזן אויף די פֿריִערדיקע ערטער, ווו די דאָזיקע פּסוקים זײַנען שוין פֿאַר־טײַטשט געוואָרן. די איבערזעצערס־קאָמפּילאַטאָרס האָבן אַ פּנים דאָ געהאַט צו טון מיט אַן אָפּיר, אין וועלכן די דאָזיקע ערטער האָבן געפֿעלט, און זיי האָבן אים געטרײַ איבערגעגעבן. די אויסגאַבע וואַרשע 1862 האָט יאָ די ערטער, זיי זײַנען אָבער לחלוטין אַנדערש פֿון די פֿריִערדיקע ענלעכע ערטער. אַזוי אַ שטייגער ווערט פֿריִער אין דעם זעלביקן קאַפּיטל פֿאַרטײַטשט „לבית אבותם" — צו זייער פֿאַטערס הויזגעזינד, „כל הבא לצבא" — אַלע וואָס קומען צו די [=דער] הערשאַפֿט, אָבער פֿון פּסוק 34—46 איז דער טײַטש שטאַרק פֿאַר־דײַטשמערישט. „לבית אבותם" איז פֿעטערליכע פֿאַמיליען, „כל הבא לצבא" ווערט אַלע וואָס קומען צום הערע (מיט צוויי עינס!). דאָס איז אַזוי צו דער־קלערן. דער איבערזעצער־קאָמפּילאַטאָר האָט פֿאַר זיך געהאַט אַן אָפּיר, אין וועלכן עס האָבן געפֿעלט די דאָזיקע ערטער, אָבער ער האָט זיי צוליב וועלכע עס איז טעמים באַדאַרפֿט אַרײַנשטעלן, און געטרויט זײַנע אייגענע פֿעיִקייטן אויף אַרײַנצוברענגען די נייטיקע פּאָר שינויים האָט ער ניט; איז ער אָנגעקומען צו אַן אַנדערן אָפּיר — און צופֿעליק אַ פֿאַרדײַטשמערישטן; דער חילוק אין די ווערטער האָט זיך אים ניט געוואָרפֿן אין די אויגן. אויף אַזאַ אופֿן לאָזט זיך אויך דערקלערן דער מאָדנער פֿאַקט, וואָס די זעלביקע עופֿות ווערן גאָר אַנדערש פֿאַר־טײַטשט אין דבֿרים י״ד, ווי אין ויקרא י״א, אין אַלע אויסגאַבעס פֿון דעם עט״ח וואָס מיר האָבן אויסגעפֿאָרשט. עס איז קלאָר, אַז די צוויי טײַטש־נוסחאות גייען צוריק צו צוויי פֿאַרשיידענע אָפּירן.

גאָר גרינג איז דעם איבערזעצער־קאָמפּילאַטאָרס אויפֿגאַבע אויך ניט געווען. אָפֿט מאָל זײַנען זײַנע אָפּירן געווען צעשעדיקט אָדער אָפּגעמעקט, האָט ער זיי געמוזט רעקאָנסטרויִרן. ניט אַלע מאָל איז די רעקאָנסטרוקציע אַ געראָטענע. אין במדבר ה, 18 שטייט „ופרע את ראש האשה". בײַ דעם ווערב „פרע" איז פֿאַראַן אַ גרויסער חילוק צווישן די פֿאַרשיידענע טײַטשן. אין דער אויסגאַבע וואַרשע 1862 האָבן מיר באַר האָפּטיג; אין דער לעמבערגער אויסגאַבע 1863 שטייט באַר העפּטיג; אין אַ צאינה וראינה פֿון לעמבערג, 1872, שטייט וואָר־הייפּטיק; אין דער ווילנער אויסגאַבע תורת אלהים 1898 געפֿינען מיר וואָר האָפּטיג, און די ווילנער אויסגאַבע פֿון דעם זעלביקן יאָר מקראות גדולות

האָט איבער היפּעדיג! די פֿינף ווערטער טײַטן מיט זיכערקייט אויף איין מקור. אין דעם מקור־אָפּיר איז מסתּמא געשטאַנען דאָס אַלטע וואָרט באר הייבטיג (מה״ד bar höubtic), און צוליב אַ דעפֿעקט אינעם טעקסט אָדער דער אומקאָמפּעטענץ פֿון דעם איבערזעצער־קאָמפּילאַטאָר איז דאָס וואָרט מגולגל געוואָרן אין פֿינף פֿאַרשיידענע ווערטער.[29]

אין דער ליסטע פֿון די טמא שרצים, ויקרא י״א, 30, ווערט „והכוח״ פֿאַרטײַטשט אין דער ווילנער אויסגאַבע תּורת אלהים 1898: דאָס אייכע הערנעכי, אין דער אויסגאַבע מקראות גדולות פֿון דעם זעלביקן יאָר שטייט דאָס אייכו הערנעבין, און אין אַ וואַרשעווער אויסגאַבע פֿונעם זעלביקן יאָר געפֿינען מיר דאָס הויכע הערגעבין!

אין בראשית ל״ט, 7 געפֿינט זיך אינעם טײַטש אַן אינטערפּאָלאַציע פֿון רשין „אני מגרה בך את הדוב״ — איך וועל אָנרייצן אויף דיר אַ בער, דאָס מיינט דאָס ווײַב פֿון פּוטיפֿר. אין טייל אויסגאַבעס ווערט „אַ בער״ מגולגל אין אָבער, און עס באַקומט זיך אַזאַ מין זאַץ: איך וועל אָנרייצן אויף דיר אָבער דאָס ווײַב פֿון פּוטיפֿר.

אין דעם עט״ח ווײַזן זיך אויך סימנים פֿון אַ דיסקרימינירנדיקער האַנט. גראָבע אויסדרוקן וואָס קאָנען פּוגע זײַן אין דעם געפֿיל פֿון צניעות ווערן פֿאַראיידלט. אין דער הפֿטורה פֿון נצבֿים, ישעיהו ס״ב, 5 ווערט די פֿראַזע „כּי יבעל בחור בתולה״ פֿאַרטײַטשט אַזוי ווי עס ווערט באַזעצט אַ בחור מיט אַ בתולה (דער המגיד האָט פּשוט בימאַנט). רות ג, 4 „ובאת וגלית מרגלותיו ושכבת...״ ווערט איבערגעגעבן וועסטו קומען און וועסט זיך לייגן. דאָס זעלביקע חזרט זיך איבער אין פּסוק 7. אַנטראָפּאָמאָרפֿישע ערטער ווערן פֿאַרגײַסטיקט, אָבער אין דעם פּרט איז דער עט״ח ניט אין גאַנצן קאָנסעקווענט. „יד ה׳״ ווערט פֿאַרטײַטשט די מאַכט פֿון גאָט; אצבע אלהים — אַ פֿינגערשלאַק. דערקעגן, „עיני ה׳״ בלײַבט די אויגן פֿון גאָט. „אַתּה־בחרתּנו״־אויסדרוקן, אָדער ניט אײַבעריק מענטשנפֿרײַנדלעכע ערטער, וואָס עס וואָלט בעסער געווען, מען זאָל דאָס דעם לייענער ניט צוטראָגן, ווערן אין גאַנצן איבערגעהיפּערט. אין דער הפֿטרה פֿון תּבֿא, ישעיהו ס, 16, ווערט „וינקת חלב גוים ושד מלכים תּינקי״ ניט איבערגעזעצט (אין המגיד איבערגעזעצט פֿול). די הפֿטרה פֿון וישלח, דאָס ערשטע קאַפּיטל פֿון עובֿדיה מיט זײַן צאָרנדיקן אויסגאָס איבער אדום איז אין גאַנצן ניט פֿאַרטײַטשט. אין דער הפֿטרה וישבֿ, עמוס, ג, 2 ווערט „רק אתכם ידעתּי מכּל משפּחות האדמה״ ניט איבערגעזעצט; דער מ״מ האָט נייאַרט אייך האב איך געליבט פֿון אלי משפּחות.... דעסט גלײַכן אין דער הפֿטרה נצבֿים, ישעיהו ס״ג, ווערן די שטאַרקע נקמה־געפֿילן ווי „יום נקם בלבי... ואבוס עמים באַפּי וארמסם בחמתי...״ ניט פֿאַרטײַטשט[30] (אין המגיד יאָ פֿאַרטײַטשט!).

---

[29] דאָס וואַקלען צווישן ב און בֿ [=וו] קומט פֿאָר אין די ווערטער אָפֿען באַרליך און אָפֿען וואָרליך (אָפֿען וואָרליך).

[30] נאָר אין די הפֿטורות און אין די חמש מגילות שפּירט זיך די פֿרײַהייט אַרײַנצוברענגען שינויים אָדער השמטות. לגבי דער תּורה איז אַזאַ מין באַציִונג ניטאָ. ווײַטער איז כּדאַי

מיר האָבן אויך כּלאַחר־יד אָנגעוויזן אויף דער גרויסער פּאָפּולערקייט פֿון דעם עט״ח בײַם עולם אין דער צווייטער העלפֿט 19טן י״ה. גאָר בולט ווערט די דאָזיקע פּאָפּולערקייט, ווען מיר נעמען אין באַטראַכט דעם פֿאַקט, אַז די גרויסע צאָל אויסגאַבעס וואָס איז דעמאָלט אַרויס איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן בלויז צווישן אַ בערך קליינעם טייל ייִדישן לייענער־פּובליקום. די ווײַבער, כּידוע, האָבן זיך געהאַט זייער צאינה וראינה; דער למדן האָט געניצט אַ חומש מיט אַ לשון־קודשן פּירוש, און אין חדר בײַם לערנען האָט מען קיין חומש מיט טײַטש — איבער פֿאַרשטענדלעכע טעמים — ניט געניצט. דער עבֿרי־טײַטש־חומש איז אָנגעקומען אין די הענט פֿון דעם פּשוטן ייִדן וואָס איז אין דעם לשון־קודש ניט געווען שטאַרק באַהאַוונט, וועלכער האָט אָבער געוואָלט „קענען" די סדרה פֿון דער וואָך. בײַ דער שיכט ייִדן איז דער עט״ח געווען אַ פֿאָלקסבוך אין דעם פֿולסטן באַטײַט פֿון דעם וואָרט, און ער האָט אויך אין יעדן פּרט געהאַט די השפּעה פֿון אַ פֿאָלקסבוך.

7

די דאָזיקע השפּעה איז ניט בלויז געווען באַגרענעצט אויף דעם דערוואַקסענעם לייענער בײַם דורכלערנען די סדרה פֿון דער וואָך, נאָר זי האָט אויך אויף אַן אומדירעקטן אופֿן אַרײַנגענומען דאָס חדר־ייִנגל. דער שטייגער טײַטשן איז אין אַ גרויסן גראַד באַשטימט געוואָרן פֿון דעם עט״ח. בײַם אָנהייב פֿון דער טײַטש־ליטעראַטור האָט דער מלמד, ווי מיר האָבן פֿריִער אָנגעוויזן, געהאַט אַ גרויסן חלק אין פֿורעמען און באַשטימען דעם אויסזען פֿון דעם טײַטש־חומש. מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער צאָלט דער טײַטש־חומש אָפּ זײַן חובֿ דעם מלמד און קומט אים צו הילף אין זײַן נויט. דער דורכשניטלעכער מלמד פֿון די נידעריקערע כּיתּות איז געווען אַ מענטש מיט קנאַפּע ידיעות. און צוליב דעם וואָס ער האָט מורא געהאַט זיך צו פֿאַרלאָזן אויפֿן אייגענעם זכּרון, אָדער פּשוט צוליב דעם וואָס ער האָט זיך געפֿילט זיכערער, ווען ער האָט געהאַט אַן אויטאָריטעט אויף זײַן זײַט, האָט ער זיך געטרײַ געהאַלטן פֿאַרן עט״ח און לויט אים געטײַטשט. די דאָזיקע אָפּהענגיקייט פֿון דעם עט״ח מצד דעם נידעריקערן טיפּ מלמד און זײַן שטייגער טײַטשן איז בולט, ווען מיר פֿאַרגלײַכן זײַן כּמעט אות־באות געטרײַען טײַטש מיט דעם בערך אַ סך פֿרײַערן טײַטש פֿון דעם פּעיִקערן מלמד פֿון די העכערע כּיתּות.[31] נאָך אַ בסערע ראיה אויף דער

אָנצוווײַזן, אַז די פֿריִער דערמאָנטע פֿאַרגרײַזטע ערטער אין דעם עט״ח זײַנען אינטערפּאָלאַציעס וועלכע מען האָט אין חדר באַנוצט, אָדער זיי קומען פֿון די ערטער וועלכע דאָס רובֿ מלמדים האָבן ניט פֿאַרטײַטשט. היות ווי דער רעשט פֿון דעם עט״ח איז פֿרײַ פֿון אַזעלכע גרײַזן, קאָנען מיר קומען צו דער מסקנא, אַז אין אַ געוויסער מאָס האָט דער חדר־טײַטש אָפּגעהיטן דעם עט״ח פֿון גראָבע גרײַזן. זע ווײַטער אונדזער אויספֿיר וועגן דער השפּעה פֿונעם עט״ח אויף דעם חדר־טײַטש.

[31] כּמעט אַלע מײַנע אָביעקטן האָבן מיר איבערגעגעבן דעם פֿאַקט, אַז אין די ערשטע יאָרן פֿון דעם חומש־לימוד האָט מען פֿאַרטײַטשט וואָרט פֿאַר וואָרט. אין די העכערע כּיתּות

דאָזיקער אָפּהענגיקייט איז אָט וואָס: די רשימות חיות, עופֿות און שרצים, און דאָס צעטל טײַערע שטיינער האָט מען אין די העכערע כּיתּות געוויינטלעך ניט פֿאַרטײַטשט, אין די נידעריקערע כּיתּות האָט מען זיי יאָ פֿאַרטײַטשט; זײַנען די פּאָר טײַטשן וואָס איך האָב באַקומען פֿאַר די צעטלען אידענטיש מיט די טײַטשן פֿון דעם עט״ח.[32]

עס וואָלט אָבער געווען אַן איבערגעטריבענע פֿאַראיינפֿאַכונג צו באַזירן די קאָרעלאַציע פֿון דעם חדר־טײַטש מיט דעם עט״ח בלויז אויף דער אומקאָמפּעטענץ פֿון דעם מלמד. עס לאָזט זיך קוים גלייבן, אַז אין די געגנטן, פֿון וואַנען מיר האָבן באַקומען אַ באַשטעטיקונג פֿאַר דעם רובֿ פֿון אונדזערע ווערטער, זײַנען די מלמדים געווען אומקאָמפּעטענט און אין די אַנדערע געגנטן — דאָס רובֿ מלמדים פֿעיִק, אָדער אַז די דאָזיקע אָביעקטן האָבן בלויז געלערנט אין אַ דרדקי־חדר, וואָס דאָס איז לחלוטין ניט אַזוי.[33] אַנדערע פֿאַקטאָרן מוזן אויך גענומען ווערן אין באַטראַכט — בראָש דער געאָגראַפֿישער פֿאַקטאָר. די געגנט, אין וועלכער די קאָרעלאַציע פֿון דעם עט״ח און דעם חדר־טײַטש איז צום פּאָזיטיווסטן, איז אַ סך ווייניקער אויסגעשטעלט אויף די השפּעות פֿון הויכדײַטש אָדער סלאַוויש ווי די פּעריפֿעריעס. אַפֿילו אין דער שמועסשפּראַך איז זייער השפּעה בערך קליין, און ממילא בלײַבט דער טײַטש פֿרײַ פֿון זיי. דאָרט ווו

האָט מען געטײַטשט פֿרײַ, אָדער נאָר דאָ און דאָרט אַ וואָרט און דאָס איבעריקע געלאָזט אומפֿאַרטײַטשט. פּינקטלעך פֿעסטצושטעלן, פֿון וועלכער טײַטש־מדרגה אַ וואָרט שטאַמט, זײַנען נאָר געציילטע פֿון מײַנע אָביעקטן געווען בכּוח. בײַ די דאָזיקע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער דרדקי־טײַטש איז ענלעך צום עט״ח, און דער טײַטש פֿון די העכערע כּיתּות ווײַכט אָפּ פֿון אים. אַזוי אַ שטייגער האָט מען נאָר אין דעם דרדקי־חדר פֿאַרטײַטשט „תּושבֿ״ — אַן אַלט־געזעסענער, אין די העכערע כּיתּות האָט מען דאָס וואָרט געלאָזט אומפֿאַרטײַטשט.

[32] י. אָפּאַטאָשוס טײַטשן פֿון די דאָזיקע רשימות פֿאַלן אויך אַרײַן אין דער קאַטעגאָריע. מיט איין אָדער צוויי אויסנאַמען געפֿינען זיך אַלע זײַנע טײַטשן אין דעם עט״ח.

דאָס ניט פֿאַרטײַטשן די דאָזיקע ווערטער אין די העכערע כּיתּות שטיצט זיך אפֿשר אויף אַן אַלטער טראַדיציע. אין מײַנע קינדעריאָרן האָב איך געהערט אַזאַ מעשׂה פֿון מײַן זיידן: דער ט״ז (טורי־זהבֿ) איז אין די יונגע יאָרן געווען אַ מלמד אין אַ דאָרף בײַ אַ רײַכן בעל־הבית. לערנענדיק מיט די תּלמידים חומש האָט ער די דאָזיקע ווערטער ניט פֿאַרטײַטשט און צוגעגעבן, אַז ער ווייס ניט, וואָס די דאָזיקע באַשעפֿענישן זײַנען. גראָד איז דער שוחט פֿון דעם שכנות־דיקן שטעטל דערבײַ געווען און דאָס אונטערגעהערט. ער איז באַלד געלאָפֿן צום בעל־הבית מיט אַ מסירה, אַז דער מלמד איז אַ ווּיסטער עם־האָרץ וואָס פֿאַרשטייט אַליין ניט פּירוש־המילות. גאָר גרויס איז זײַן כּעס געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט, אַז דער מלמד פּסקנט אַפֿילו שאלות אין אַ נויטפֿאַל, און ער איז מגיה־וביה געלאָפֿן צום רבֿ פֿון שטעטל און אים דערציילט וועגן דער גרויסער נבֿלה. דער רבֿ האָט געלאָזט רופֿן דעם „טורי־זהבֿ״ און אים געשטעלט צום פֿאַרהער. נאָכן פֿאַרהער האָט דער רבֿ פֿאַרגעלייגט דעם „טורי־זהבֿ״, זיי זאָלן זיך בײַטן מיט די שטעלעס.

[33] די דאָזיקע אָביעקטן האָבן אָנגעהויבן לערנען חומש אין גאָר פֿריִע יאָרן. בכּלל ווײַזט אויס, אַז אין פּוילן האָט מען אָנגעהויבן לערנען חומש אַ ביסל פֿריִער ווי אין אַנדערע געגנטן. פֿ׳ בוימגאַרטן פֿון אָסטראָווצע האָט מיר אָנגעגעבן, אַז צו פֿיר יאָר האָט ער שוין געלערנט חומש. מען האָט אָבער דאָרט אויך פֿריִער אויפֿגעהערט צו לערנען חומש.

סלאַוויש אָדער הויכדײַטש דרינגען אַרײַן אין דער שמועסשפּראַך אין אַ קענטיקער מאָס איז זייער השפּעה אויך ניכּר אין דעם טײַטש.

דער געאָגראַפישער פאַקטאָר גופא איז אויך ניט אין גאַנצן מאָסגיביק, ווײַל ער לאָזט זיך ניט אין גאַנצן באַשטימען. דאָס רובֿ מלמדים זײַנען אפשר געווען געבוירענע פון די מקומות, ווו זיי האָבן געהאַט זייערע חדרים; אָבער אַ צאָל — און ווי גרויס די צאָל איז געווען, איז שווער צו זאָגן — זײַנען געפאָרן מרביץ תורה זײַן אין אַנדערע מקומות, און טייל מאָל אין אַנדערע מדינות. בלי־ספק האָבן די דאָזיקע וואַנדערנדיקע מלמדים זיך געפּרוווט צוצופּאַסן אין זייערע טײַטשן צו די פאַרלאַנגען פון דעם מקום, וווהין זיי זײַנען געקומען.[34] אָבער אין גאַנצן זיך צו באַפרײַען פון זייער היימישן טײַטששטייגער האָט זיי ניט געקאָנט געראָטן. זייער טײַטש איז געווען אַ געמיש פוןביידע עלעמענטן און האָט געהאַט די טענדענץ אָפּצושאַפן דעם לאָקאַלן כאַראַקטער פון די פאַרשיידענע טײַטשן.[35] בלויז אויף אַ ברייטערן שטח און אין מער אַלגעמיינע שטריכן ווײַזט זיך יאָ אַרויס דער לאָקאַלער כאַראַקטער.

נאָך אַ פאַקטאָר אין באַשטימען דעם חדר־טײַטש איז דער פ אַ ר ה ע ר ע ר. אין טייל מקומות איז ער געווען אַ מין אומאָפיציעלער משגיח אויף די חדרים. זײַן אויפגאַבע איז געווען צו פאַרהערן יתומים אָדער בכלל אַזעלכע קינדער, פאַר וועמען די קהילה האָט געצאָלט שׂכר־לימוד — אין מקומות, ווו עס איז קיין שטאָטישע תלמוד־תורה ניט געווען. דער מלמד האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס געמוזט רעכענען מיט דעם פאַרהערערס תּביעות און מיט זײַן טײַטששטייגער.

אַ פּאָר ווערטער וועגן דער השפּעה פון סלאַוויש אויף דעם חומש־טײַטש. אין די אויסגאַבעס פון דעם עט״ח וואָס מיר האָבן אויסגעפאָרשט זײַנען די סלאַ־וויזמען פאַרטראָטן גאָר קנאַפּ. סך־הכּל געפינען זיך אין גאַנצן חומש, הפטורות און חמש מגילות אַן ערך 15 ווערטער וואָס קומען פון סלאַוויש. דער רובֿ האָט צו טאָן מיטן פּויערישן שטייגער לעבן. סטאַדעס („עדרים״, בראשית כט, 3); סערפּ („חרמש״, דבֿרים כ״ג, 26); פאַרבלאָנדזשעט (זע וואָרט 312); פאַסטעכער („הרועים״, שמות בֿ, 17); פּאַשע („מרעה״, בראשית מ״ז, 4); פּאַשען („רועה״, בראשית ד, 2) און קאָרעטעס („הרהטים״, שמות ב, 16).

---

[34] מיר וועלן דאָ אילוסטרירן דעם צופּאַס־פּראָצעס אַ ביסל אין דעטאַל. שמואל פּעס, אַ געבוירטיקער פון זשיטאָמיר, האָט פאַרטײַטשט דאָס וואָרט „והכוח״ (ויקרא י״א, 30) — דאָס הויכע הערנעכע (זע אויבן, ז׳ 31). זײַן טײַטש לאָזט זיך אַזוי דערקלערן: זײַן מלמד איז געווען אַ ליטוואַק, און ער האָט געזוכט זיך צוצופּאַסן אין זײַנע טײַטשן צום פאַרלאַנג פון דעם אָרט. באַמערקט האָט ער, מן הסתם, אַז אין אַ סך פאַלן ווו ער זאָגט ei זאָגן די וואָלינער oi, און אַזוי ווי הויך איז אַ וואָרט פון דער שמועסשפּראַך, האָט ער באַשלאָסן לטובֿת דאָס הויכע הערנעכע. די פאָרעם וועלכע דאָס וואָרט נעמט אָן אין דער פריִער דערמאָנטער וואַרשעווער אויסגאַבע איז בלי־ספק אויך אַזוי צו דערקלערן.

[35] פּ׳ דוד ווערטהיים, אַ געבוירענער אין בעסאַראַביע, האָט מיר איבערגעגעבן, אַז כּמעט אַלע זײַנע מלמדים וואָס ער געדענקט זײַנען געווען פון גאַליציע. דאָס איז געווען די השפּעה פון דער חסידישער טראַדיציע אין דער ווערטהיים־משפּחה. זײַנע טײַטשן זײַנען אָבער כּלל ניט ענלעך צו די גאַליצישע טײַטשן וואָס מיר האָבן באַקומען.

אַ טייל פֿון די סלאַווישע ווערטער זײַנען פֿון דער בעל־מלאָכישער טערמי־נאָלאָגיע. הובל („מעצד״, הפֿטרה ויקרא, ישעיה מ״ד, 12); טעמפּ („קהה הגרזן״, קהלת י, 10); פּאַמאָסט („מרביץ״, הפֿטרה ראה, ישעיה נ״ד, 11); צעשען („גזית״, שמות כ, 22); צעשלער („חרש עצים״, הפֿטרה ויקרא, ישעיה מ״ד, 13). אַחוץ דעם קומט פֿאָר וואָליע (זײַן קראָפּ דאָס מיינט מען די וואָליע, ויקרא א, 16); ווייען („נשפת״, שמות ט״ו, 10); סמאַליען; פּלעווע — ער האָט גענייגט די הימלען אַזוי ווי איין פּלעווע („הנוטה כדק שמים״, הפֿטרה ואתחנן, ישעיה מ, 22) און קעמפּעס („איים״, הפֿטרה בראשית מ״ב, 10). אין דעם חדר־טײַטש זײַנען די סלאַוויזמען גאַנץ אָפֿט. במשך פֿון אונדזער אַרבעט האָבן מיר אָנגעקליבן אַן ערך 50 אַזעלכע ווערטער; די צאָל איז אָבער בלי־ספֿק אַ סך גרעסער, וואָרעם מיר האָבן די ווערטער (וואָס זיי זײַנען ניט אַרײַנגעקומען אין דעם תחום פֿון אונדזער שטודיע) ניט סיסטע־מאַטיש פֿאַרצייכנט. מיר וועלן בלויז קורץ אָנווײַזן אויף איין כאַראַקטעריסטיק פֿון די ווערטער — זיי זײַנען אַלע פֿון דעם פֿעלד פֿון רעאַליאַ, אַ שטייגער גאָרשט, זשמעניע, זשאָרנע, לאָפּעטע, סמאָלע, סקאָוואָרדע אד״גל. קיין אַב־סטראַקטן זײַנען צווישן זיי כמעט ניטאָ.

8

איצט וועגן אונדזער אויספֿאָרש־מעטאָד. פֿון דעם עט״ח, וואַרשע 1862, איז געמאַכט געוואָרן אַן אָפּקלײַב פֿון די ווערטער וואָס קומען אין באַטראַכט פֿאַר אונדזער שטודיע. די דאָזיקע אויסגאַבע איז פֿאַרגלײַכט געוואָרן מיט אַנדערע אויסגאַבעס, און אין דער רשימה ווערטער זײַנען אַרײַנגעבראַכט געוואָרן די געהעריקע תיקונים.

דער צווייטער פּונקט אין דער אויספֿאָרשונג איז געווען צו באַשטימען די ענלעכקייט פֿון דעם עט״ח מיט דעם חדר־טײַטש.[36] צוליב דעם איז צוזאַמענגע־שטעלט געוואָרן אַ רשימה פֿון די לשון־קודשע ווערטער אין אָריגינאַל, אָנגעוויזן קאַפּיטל און פּסוק פֿון איטלעכן וואָרט. אין דער רשימה איז אַחוץ די חמשה חומשי תורה, די הפֿטורות און די חמש מגילות אויך אַרײַנגעצויגן געוואָרן איין ניט־ביבלישער טעקסט — דער אַראַמישער אַקדמות, אַ מיסטישער שיר פֿון 11טן י״ה, אויף וועלכן מען האָט אין דרדקי־חדר אַ סך כּוחות אָוועקגעלייגט.[37] די

[36] די רעזולטאַטן פֿון שטיפֿס אַנקעטע וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין די יידישע שפּראַך (קיִעוו) זײַנען קיין מאָל ניט פּובליקירט געוואָרן; כאָטש איך האָב געפּרוּווט האָב איך זיי, צו מײַן גרויס באַדויערן, ניט געקאָנט באַקומען.

[37] בעת אין דעם אַקדמות־טײַטש האָבן זיך נאָך אויפֿגעהיט אַ פּאָר אַרכאַיִשע ווערטער, איז דער טײַטש פֿון אַן אַנדערן ניט־ביבלישן טעקסט וועלכן מען האָט אין אַ טייל חדרים געלערנט זומערצײַט שבת נאָך מיטאָג — די „פּרקי אָבֿות״ — אין גאַנצן אין דער שמועסשפּראַך. דער פֿאַקט קאָן אפֿשר דינען ווי אַ שליסל צו באַשטימען די צײַט, ווען די צוויי ווערק זײַנען צום ערשטן איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש, אָדער ווען מען האָט זייער לימוד אײַנגעפֿירט אין די חדרים.

רשימה איז אַרויסגעשיקט געוואָרן צו אַ צאָל באַקאַנטע מענטשן מיט אַ בקשה צו פֿאַרטײַטשן די ווערטער אַזוי ווי מען האָט זיי געלערנט אין חדר, און אַנצוווײַזן דערבײַ דאָס אָרט פֿון דעם חדר און די עלטער בשעת דעם חומש־לימוד. די דאָזיקע שריפֿטלעכע אַנקעטע האָט די געוווּנטשענע רעזולטאַטן ניט געבראַכט, און עס איז נייטיק געווען אַנצוקומען צו אַן אַנדער מעטאָד, דהײַנו פּערזענלעך אויסצופֿרעגן און צו פֿאַרשרײַבן. אויף אַזאַ אופֿן[38] זײַנען אויסגעפֿרעגט גע־וואָרן 35 מענטשן פֿון כּמעט אַלע יידיש־רעדנדיקע יישובֿים, אָנהייבנדיק אין דער געגנט פֿון בודאַפּעשט אין מערבֿ[39] און אויסלאָזנדיק מיט כּאַרקאָוו אין מיזרח.[40] מיר האָבן אָבער ניט געהאַט קיין געלעגנהייט אָפּירצולייגן די גאַנצע רשימה ווערטער פֿאַר אַלע אָביעקטן, און טייל ווערטער זײַנען אָפּירגעלייגט געוואָרן נאָר פֿאַר אַ טייל אָביעקטן — 2, 3, 8, 17 און 31. די דאָזיקע ווערטער האָבן מיר אין אונדזער רשימה באַצייכנט מיט אַ שטערנדל (*). מיט איין אָביעקט האָבן מיר אַלע שבת, כּמעט אַ גאַנץ יאָר, דורכגעלערנט די סדרה פֿון דער וואָך; אַזוי אַרום האָבן מיר אויסגעפֿונען אַ שלל ווערטער וואָס מיר האָבן אין דעם עט״ח ניט באַגעגנט און בכן ניט געהערט פֿון די אַנדערע אָביעקטן. בלויז פֿאַר נאָך צוויי אָביעקטן (8 און 17) האָבן מיר געהאַט די מיגלעכקייט די דאָזיקע ווערטער אָפּירצולייגן. כּדי צו געבן אַ באַגריף פֿון די ווערטער, און נאָך מער כּדי צו געבן אַ השגה, אויף וואָס מען קען זיך נאָך ריכטן פֿון אַ ווײַטערדיקער פֿאָרשונג אויף אונדזער פֿעלד, האָבן מיר אַרײַנגענומען אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע דוגמאות אין אונדזער שטודיע; מיר באַצייכענען זיי מיט צוויי שטערנדלעך (**).[41]

דאָס רובֿ מענטשן וואָס האָבן געענטפֿערט אויף אונדזער אַנקעטע האָבן באַלד באַנומען, וועגן וואָס עס גייט, און האָבן אויך צוגעהאָלפֿן אין דער אַרבעט. מיר האָבן זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף אַ צאָל אומפֿאַרמײַדלעכע שוועריקייטן. קודם די שוואַכקייט פֿונעם מענטשלעכן זכּרון. אַ סך מענטשן האָבן שוין געהאַט פֿאַרגעסן דעם טײַטש פֿון די ווערטער וואָס זיי האָבן געלערנט אין חדר מיט דרײַסיק, פֿערציק אָדער גאָר זעכציק יאָר צוריק. אין אַזאַ פֿאַל האָבן מיר זיך באַנוצט מיטן מעטאָד פֿון ברירה, דהײַנו, מיר האָבן אָפּירגעלייגט

---

[38] די אָביעקטן נו׳ 11 און 12 האָט פֿאַרשריבן מײַן ברודער, משה נאָבל; מײַן פֿרײַנד, אַבֿרהם אַהרוני האָט פֿאַרשריבן פֿאַר זיך (נומ׳ 21) און אויך נו׳ 1 און 15.

[39] אין טייל געגנטן פֿון אונגערן און טראַנסילוואַניע רעדט מען אַ יידיש וואָס קומט צו נאָענט צו דײַטש, און די דאָרטיקע יידן מיינען בתּמימות, אַז עס איז דײַטש.

[40] מ. ווײַנרײַך האָט אָנגעוויזן, אַז כאַרקאָוו איז גאָר אַ יונגע יידישע קאָלאָניע און דער דאָר־טיקער טײַטש רעפֿלעקטירט דעם טײַטש פֿון אַנדערע מקומות. איך האָב אויסגעפֿונען, אַז מ. ווײַנרײַך איז גערעכט וואָס שייך דער עלטער פֿון דעם דאָרטיקן יידישן יישובֿ: אונדזער אָביעקט, ישׂראל האַיִן, אַ זקן פֿון 76 יאָר, איז אַליין שוין אַ דאָרט געבוירענער, נאָר זײַנע עלטערן זײַנען געקומען פֿון מאָליעווער געגנט. פֿון וואַנען זײַן מלמד איז געווען ווייסט ער ניט. אָבער בלי־ספֿק שפּיגלט זיך אָפּ אין זײַן טײַטש אויך דאָס אָרטיקע יידיש — אַ ראָיה דערויף איז די גרויסע צאָל רוסישע ווערטער וואָס ער גיט אויף.

[41] היות ווי דאָס לערנען מיט אונדזער אָביעקט איז פֿאָרגעקומען שבת אין שול איז ניט מיגלעך געווען צו פֿאַרצייכענען, און אַ סך ווערטער זײַנען מסתּמא געבליבן ניט פֿאַרצייכנט.

אַ פּאָר טײַטשװערטער און געלאָזט די אָביעקטן אױסקלײַבן דאָס פּאַסיקע װאָרט. אױף אַזאַ אופֿן איז אונדז געראָטן דאָ און דאָרט אָפּצופֿרישן אַ מטושטשן זכּרון און צו ראַטעװען פֿון דעם תּהום פֿון פֿאַרגעסן אַ ייִדיש װאָרט. אין אַ סך פֿאַלן האָבן מיר קײן הצלחה ניט געהאַט. דער אָביעקט האָט ניט „אָנגענומען" קײן אײנס פֿון די װערטער װאָס מיר האָבן אים סוגעסטירט, און דאָס װאָרט װאָס ער האָט געהערט אין חדר האָט ער זיך ניט געקאָנט דערמאָנען. אַ טײל מענטשן האָבן בפּועל דעם טײַטש פֿאַרגעסן. זײ האָבן אָבער דעם פֿאַקט ניט אײַנגעזען. זײ האָט זיך אױסגעדאַכט, אַז זײ געדענקען נאָך דעם טײַטש זײער גוט, און זײ האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעװאָרפֿן יעדן פֿאָרשלאָג זיך צו באַנוצן מיט דעם מעטאָד פֿון ברירה. זײערע טײַטשן זײַנען געװען אין אַ גרױסער מאָס פֿאַלש. אין טײל פֿאַלן איז די צאָל פֿון די דאָזיקע פֿאַלשע טײַטשן געװען אַזױ גרױס, אַז מיר האָבן געמוזט דעם גאַנצן באַריכט זײערן אױסלאָזן װי אומפֿאַרלאָזלעך. דער הױפּט־מקור פֿון די פֿאַלשע טײַטשן איז געװען דאָס אױסמישן טײַטשװערטער, אַ שטײגער, „ויחנטו — זײ האָבן געהױערט"; „וישרצו — זײ האָבן זיך געשטױסן"; „גד — אַן אַניקלשטײן", וכּדומה.

װײַטער איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז אין דעם פּרט פֿון געדענקען די טײַטשן האָבן גראָד גרױסע לומדים און תּלמידי־חכמים שלעכט אָפּגעשניטן. פּשוטע ייִדן מיט בצימצומדיקע ידיעות האָבן געדענקט דעם טײַטש אַ סך בעסער װי די גרױסע לערנערס. מיט דרײַ אָדער פֿיר אױסנאַמען האָבן די לערנערס דעם טײַטש כּמעט אין גאַנצן פֿאַרגעסן.[42] די אױסנאַמען זײַנען: אײנער װאָס איז אין זײַנע יונגע יאָרן געװען אַ מלמד, האָט ער צום טײַטש געהאַט אַ פּראָפֿעסיאָנעלע באַציִונג, און צװײ װאָס האָבן זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן ספּעציאַליזירט אין ראָמאַנישע שפּראַכן און אױפֿגעהיט צום טײַטש אַ װיסנשאַפֿטלעכע באַציִונג.

דער פֿאַקט װאָס דער מענטש מיט באַגרענעצטע ידיעות האָט בעסער אױפֿגעהיט דעם טײַטש אײדער דער תּלמיד־חכם לאָזט זיך אפֿשר אױסטײַטשן. דער פּשוטער מענטש האָט זיך באַקאָנט מיט אַ לשון־קודש װאָרט, און די אַסאָציאַציע פֿון דעם װאָרט מיט דעם טײַטש איז דורך דעם אָפֿטן איבערחזרן געװאָרן פֿעסט און פּערמאַנענט. די טײַטש־געװױנטשאַפֿט איז געװאָרן אַ טבֿע, און דער פּראָצעס פֿון באַנעמען איז פֿאַרקערפּערט געװאָרן אין אַזאַ מין סכעמע: דאָס לשון־קודשע װאָרט — דער טײַטש — דער באַטײַט. דער פּשוטער מענטש האָט אױך שפּעטער אין די דערװאַקסן־יאָרן אָפּגעפֿרישט זײַן זכּרון דורך אַרײַנקוקן אין דעם עט"ח. דער תּלמיד־חכם האָט דאָס זעלביקע לשון־קודשע װאָרט אָנגעטראָפֿן אױף פֿאַרשײדענע ערטער, זײַן באַטײַט איז בכן ניט געװען צוגעבונדן צו אַ באַשטימטן טײַטש, נאָר איז געקומען מערסטנס פֿון דעם קאָנטעקסט פֿון די אַרומיקע װערטער. אַחוץ דעם האָט דעם תּלמיד־חכמס גײַסטיקער געדאַנקענגאַנג — מחמת זײַנע אינטימע באַציִונגען מיט די לשון־קודשע ספֿרים — בכּלל

---

[42] זײ האָבן אָבער קײן פֿאַרגרײַזטע טײַטשן ניט אָנגעגעבן, נאָר פּשוט געזאָגט, אַז זײ געדענקען ניט.

אַנגענומען אַ לשון־קודשע פֿאָרעם, אַזוי אַז ער האָט די טײַטש־מדרגה אין גאַנצן אַרויסגעשטופּט פֿון דעם פּראָצעס פֿון באַנעמען. די שטעלונג פֿון דעם תּלמיד־חכם צום טײַטש האָט מסתּמא אויך עפּעס געהאַט צו טון מיט זײַן פֿאַרגעסן. בעת דער פּשוטער ייִד האָט זיך באַצויגן מיט יִראת־הכּבֿוד צום טײַטש — דער באַקאַנטער וויץ וועגן דעם „הייליקן עבֿרי־טײַטש" האַלט אין זיך, ווי אַלע וויצן, אַ טיפֿן אמת — האָט זיך דער למדן צו אים באַצויגן מיט ביטול, ער האָט אים באַטראַכט ווי אַן ענין פֿאַר עמי־הארצים.

דאָס איז די רשימה נעמען און ערטער פֿון אונדזערע אָביעקטן:[43]

1. יוסף באָקסענבוים, פֿון זאַמאָשטש, פּוילן, איצט אין ניו־יאָרק. בערך 35 יאָר אַלט.
2. הירש ל. סאַר, סלוזשעווע, וואַרשעווער געגנט. ווילקעס־באַר, פּ"ע. בערך 45 יאָר אַלט.[44]
3. רב זלמן בוירעד, זשאַלקווע, לעמבערגער געגנט. ווילקעס־באַר, פּ"ע. אין די זיבעציקער.
4. יצחק צעלמײַער, סטאַניסלאַוו, ניו־יאָרק. בערך 55 יאָר.
5. מרדכי גאָלדשטיין, טשוטש, בײַ ריישע, גאַליציע. ווילקעס־באַר. בערך 30 יאָר אַלט. געקומען קיין אַמעריקע צו 9 יאָר. געדענקט בלויז גאָר אַ קליינע צאָל פֿון די ווערטער וואָס ער האָט געלערנט אין חדר.
6. בוימגאַרטן, אָסטראָווצע, בײַ קעלץ, פּוילן. אין די זעכציקער. דער ייִד, אַ מלמד אין אַ ישיבֿה אין ניו־יאָרק, האָט געגעבן בלויז אַ פּאָר טײַטשן, און זיך אָפּגעזאָגט צו געבן די אַנדערע טײַטשן.
7. שמואל שפּיץ, אַ געבוירענער אין גאָרליץ, מערבֿ־גאַליציע, געלערנט אין חדר דאָרטן, און אויך אין סטראָפּקעוו, סלאָוואַקײַ. ווילקעס־באַר. קרובֿ 70.
8. יוסף מרדכי רעוויץ, אַ געבוירענער אין ניו־יאָרק. געלערנט דאָרט אין די חדרים בערך 1905—1909. זײַנע עלטערן זײַנען געקומען פֿון פּריסטיק, מערבֿ־גאַליציע. אַ העברעיִשער לערער אין ווילקעס־באַר.
9. חזן בייקער, לאַמזשע. קאָלאָמבוס, אָהײַאָ. בערך 50 יאָר.
10. משה טראַי, יאַנאָוו, בײַ ביאַליסטאָק. ווילקעס־באַר. אַ זקן מופֿלג.[45]

---

[43] די געאָגראַפֿישע אַלאָקאַציע איז לויט די גרענעצן פֿון מײַ 1939.

[44] פּ׳ סאַר האָט פֿאַר דער ערשטער מלחמה געהאַט געוווינט אַ צײַט אין פּויזן, דעמאָלט דײַטשלאַנד. ער האָט איבערגעגעבן, אַז אין אַ דאָרטיק חדר האָט ער געהערט דעם חומש פֿאַרטײַטשן אויפֿן זעלביקן שטייגער ווי אין זײַן היימיש שטעטל. דערקעגן האָט מיר אַ דײַטשער פּליט מאָריץ יאָזעף (איצט אין קינגסטאָן, פּ"ע) וועלכער איז געבוירן געוואָרן סוף די זיבעציקער פֿונעם לעצטן י"ה אין וראָניק, פּויזן, איבערגעגעבן, אַז ער האָט שוין געלערנט אין חדר חומש אויף דײַטש.

[45] אין דעם פֿאַל האָבן מיר געהאַט אַ מיגלעכקייט צו שטודירן דאָס „מאָדערניזירן" פֿונעם טײַטש. זײַן זון, ישעיה טראַי, האָט אויך געלערנט אין דער זעלביקער שטאָט, נאָר בײַ

11. אהרן לעוויט, ביטן, ביי סלאָנים. פּאָטסוויל, פּ"ע. אין די פּופּציקער.
12. יונה לייטסטאָן, סוּוואַלק. פּאָטסוויל. בערך 60 יאָר אַלט.
13. יהודה בראָומאַן, מערעטש, ווילנער געגנט. ווילקעס־באַר. אין די זיבעציקער.
14. מאיר איסקאָלסקי, פֿון דער מיר. אַ שוואָגער פֿון זלמן רובאַ־שאָוו. געשטאָרבן סוף 1941.
15. ד"ר משה ראובן וואָלענראָד, וויזשנע, מינסקער געגנט. ניו־יאָרק. געשטודירט ראָמאַנישע שפּראַכן. בערך 40.
16. הירש לעווין, קאָוונע. פּיטסטאָן, פּ"ע. בערך 60 יאָר אַלט.
17. משה ריפּס, בעליניטש, מאָליעווער געגנט. 60 יאָר אַלט. מיט אים האָבן מיר דורכגעלערנט דעם גאַנצן חומש.
18. מאיר כהן, דרוצק, לעבן אָרשע. ווילקעס־באַר. בערך 55 יאָר.
19. באָריס דײַטשער, לעפּע, לעטלאַנד. ווילקעס־באַר. אין די פּופּ־ציקער. לויט זײַנע רייד האָט ער געלערנט אין אַ מאָדערניזירטן חדר, וווּ דער טײַטש איז געווען דורכויס פֿאַרדײַטשמערישט.
20. שמואל פּעס, זשיטאָמיר. קאָלאָמבוס, אָ'. קרובֿ 60 יאָר.
21. אַבֿרהם אהרוני, איוואַנקאָוויצע, אַ דאָרף אין פּאָדאָליער געגנט (געלערנט ביי אַ מלמד וועלכן מען האָט געהאַלטן אין דאָרף). ניו־יאָרק. געשטודירט ראָמאַנישע שפּראַכן. בערך 35.
22. הירש ל. פֿליישער, מאַליעוו, פּאָדאָליע. ווילקעס־באַר. בערך 45 יאָר.
23. דוד ווערטהיים, כאָטין, בעסאַראַביע. ניו־יאָרק.
24. אַבֿרהם קאָרסאָן, ראָוונאָיע, בערסאָנער געגנט. ווילקעס־באַר. אין די זיבעציקער.
25. ישׂראל האַיז, כאַרקאָוו. סקרענטאָן, פּ"ע.
26. חזן דוד מ. קליין, פּרעשאָוו, סלאָוואַקײַ. איסטאָן, פּ"ע. קרובֿ 50.[46]
27. ד"ר ישׂראל קויפֿמאַן, געבוירן אין אַ דאָרף אין אונגערן; געלערנט אין חדר אין פּרעשבורג, שפּעטער אין טעאָלאָגישן סעמינאַר אין בודאַפּעשט. 53 יאָר אַלט.
28. פֿרוי צ. לוסטיג, מונקאַטש, קאַרפּאַטן־רוסלאַנד. ניו־יאָרק. (זע נומ' 265 אין דער רשימה ווערטער).
29. רבֿ הירש לאַקס, פֿון קלויזש, רומעניע.[47] אויף אַ וויזיט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אין די זעכציקער.

אַן אַנדערן מלמד. זײַנע טײַטשן זײַנען שוין אַ ביסל מער „מאָדערניזירט" (זע אין דער רשימה ווערטער נומ' 94, 114).

[46] דער אָביעקט רעדט דײַטש און האָט אָנגעגעבן, אַז אין זײַן היים רעדן אַלע ייִדן דײַטש. אויך דעם חומש האָט מען פֿאַרטײַטשט אויף דײַטש, מיט ווייניק אויסנאַמען.

[47] ניט געקוקט אויף מײַן מי האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן צו געפֿינען אַן אָביעקט פֿון דעם שטח פֿון רומעניע ביז 1918.

30. חזן משה מערלינג, ביסטריץ, לעבן טעמעשוואר, רומעניע. וויל־קעס־באר. אין די פּופּציקער.

31. חזן שאול סילער, אַ געבוירענער אין ניו־יאָרק. האָט באַקומען זײַן יידישע דערציִונג בײַ פּריוואַטע מלמדים, בערך מיט 30 יאָר צוריק.

פון איבערבליקלעכקייט וועגן זײַנען די פּונקטן, פון וואַנען די אינפאָר־מאַנטן קומען, אַרויסגעטראָגן געוואָרן מיט די געהעריקע נומערן אויף אונ־דזער מאַפּע. היות בײַ איטלעכן טײַטשוואָרט זײַנען אָנגעוויזן די אינפאָרמאַנטן אונטער זייערע נומערן, קען מען באַקומען אַן אָנצוהערעניש וועגן דער געאָגראַ־פישער פאַרשפּרייטונג פון דעם אָדער יענעם וואָרט.

9

צום סוף אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם עט״ח און אַנדערע ספרים וואָס מיר האָבן באַנוצט אין אונדזער שטודיע. עס איז שווער צו באַקומען די פאַרשיידענע אויסגאַבעס פון דעם עט״ח. די בוכהאַנדלונגען אין ניו־יאָרק און אַפילו די גרויסע ביבליאָטעקן האָבן זיי ניט. מיר האָבן זיי אויסגעזוכט בײַ פּריוואַטע מענטשן, און בעיקר אין שולן און בתי־מדרשים. בײַ בעלי־בתים איז נאָך גע־ראָטן דאָ און דאָרט אויסצובאַרגן אַ חומש. שולן און בתי־מדרשים האָבן אין רובֿ פאַלן אַ חרם אויף אַרויסצונעמען ספרים פון דעם בנין, אַזוי אַז עס איז אומ־מיגלעך געווען זיך צו באַנוצן מיט זייערע ספרים אַחוץ אין איינציקע פאַלן. די אויסגאַבעס, הן אין אייגענעם באַזיץ הן געבאָרגטע, וואָס עס איז אונדז געראָטן צוזאַמענצוברענגען פאַר דער שטודיע, זײַנען אויך טיילווײַז דעפעקטיווע. בשלימות האָבן מיר בלויז געהאַט די ווילנער אויסגאַבעס מקראות גדולות און תורת אלהים (1898). אין דער וואַרשעווער אויסגאַבע 1862 איז ויקרא שטאַרק צעשעדיקט. פון דער „פאַרבעסערטער" אויסגאַבע פון ווילנע 1882 פעלט אונדז דבֿרים. פון דער פּיעטריקאָווער אויסגאַבע (1893) האָט געפעלט שמות און במדבר, בראשית און ויקרא זײַנען שטאַרק צעשעדיקט. פון דער ווינער אויסגאַבע 1865 האָבן מיר בשלימות נאָר בראשית און שמות, די אַנדערע טיילן זײַנען צעשעדיקט. פון דער יוזעפאָווער אויסגאַבע 1873 האָבן מיר נאָר דבֿרים, די אַנדערע פעלן. די לעמבערגער אויסגאַבע 1863 איז דורכויס צעשעדיקט. פון די עלטערע אויסגאַבעס האָבן מיר פון דעם המגיד ישעיה, ירמיה און יחזקאל (זולצבאַך 1763), און איובֿ, דניאל, עזרא און נחמיה (סלאַוווטע 1807). פון דעם חומש מגישי מנחה (אַמסטערדאַם 1755) פעלט אונדז בראשית און שמות, פון ויקרא און במדבר האָבן מיר בלויז אַ פּאָר זײַטלעך; פון נ״ך מגישי מנחה האָבן מיר בלויז יחזקאל און תרי־עשׂר.

אַ וואָרט וועגן פּראָפ׳ קורעלמייערס פּובליקאַציע פון די ביזלוטערשע דײַ־טשע ביבלען.[48] ס׳גייען אין איר אַרײַן אַזוינע אויסגאַבעס: שטראַסבורג 1466

[48] דעם פולן טיטל זע ז׳ 12.

(אויך באַקאַנט ווי די „מענטעל־ביבל״ נאָך איר אַרויסגעבער); שטראַסבורג 1470; אויגסבורג (=א״ג) 1473; א״ג 1475; נירנבערג 1476 (באַקאַנט ווי די „שוויצער־ביבל״); א״ג 1477; אַ צווייטע אויסגאַבע פֿון אַן אַנדערן פֿאַרלעגער, א״ג 1477; א״ג 1480; נירנבערג 1483; שטראַסבורג 1485; א״ג 1487; א״ג 1490; א״ג 1507; א״ג 1518. לויט קורעלמייערן איז די אויסגאַבע 1466 געווען דער אַפּיר פֿאַר די אַלע אַנדערע, דערפֿאַר האָט ער טאַקע די דאָזיקע אויסגאַבע איבער־געדרוקט בשלימות און פֿאַרצייכנט אינעם אַפּאַראַט די שינויים וואָס זײַנען אַרײַנ־געבראַכט געוואָרן אין די אַנדערע אויסגאַבעס. בכלל איז די סכעמע מער־ווייניקער אַזאַ: די ערשטע דרײַ אויסגאַבעס זײַנען כמעט אין גאַנצן געגליכן צווישן זיך. אַ שינוי קומט אַרײַן מיט דער אויסגאַבע פֿון אויגסבורג 1475, און די אַנדערע אויס־גאַבעס וואָס קומען נאָך איר ביז און אַרײַנגערעכנט 1490 זײַנען ענלעך צו איר מיט גאָר קנאַפּע שינויים. אינדיווידואַליטעט ווײַזט זיך אין די אויסגאַבעס פֿון נירנבערג 1483, שטראַסבורג 1485, א״ג 1487 און א״ג 1490. די אויסגאַבעס א״ג 1507 און 1518 זײַנען ווײַטער געגליכן צווישן זיך.

רשימה ווערטער

1. אָפּשיידונג — תּרומה (שמות ל״ה, 5). אָנגעגעבן פֿון אַלע אָבּיעקטן (א״אָ), אַחוץ 19. כּמעט אַלע אָביעקטן האָבן אָנגעגעבן, אַז אין די העכערע כּיתות האָט מען דאָס וואָרט זעלטן פֿאַרטײַטשט. דאָס וואָרט געפֿינט זיך אויך אין המגיד (עזרא ח, 25), און אין מגישי מנחה (מ״מ) — יחזקאל מ״ה, 1. דאָס איז איינס פֿון די אַבסטראַקטע סובסטאַנטיוון אויף ־ונג, וואָס די טײַטששפּראַך האָט בשותּפֿות מיט די ביזלוטערשע ביבלען. קורעלמייער (ק.) — במדבר ו, 5.

2. אַגלאַסטער[49] — הרחם (ויקרא י״א, 18). 3 און 4 (אָפּאַטאָשו האָט אַגלאַטשיר, אַזוי פֿלעגט זײַן רבי טאָקע טײַטשן). מ״מ האָט אַגיר־לאַשטער. דאָס דײַטשע ווערטערבוך פֿון גרים (דוו״ב) ברענגט אַ וואָרט agelster, און גיט אָן דעם לעצטן ציטאַט פֿון גונטער (געשט' 1723). געטצע אין זײַן גלאָסאַר פֿון פֿרי־נײַהויכדײַטש (ג״גל) ז' 6 גיט ag(a)laster, און אויך age(r)laster. בײַ קורעלמייערן ניטאָ (ק. —).

3. אויסאַשן** — לדשנו (שמות כ״ז, 3). איינס פֿון די ווערטער וואָס מיר האָבן אָפּירגעלייגט נאָך 3 אָביעקטן (זע אויבן ז' 36), און ניט באַקומען קיין באַשטעטיקונג. די דײַטשע ווערטערביכער (גרים, לעקסער) ווייסן פֿון דעם וואָרט ניט. איך האָב דאָס וואָרט אויך ניט באַגעגנט אין קיין שום עברי־טײַטש־חומש אָדער אַנדערן שריפֿטלעכן מקור. בלויז 17. דער סובסטאַנטיוו „דשן" ווערט פֿאַרטײַטשט אַש (ויקרא א, 16).

4. אויסגייער — יוצאי (בראשית ל״ד, 24). א״אָ, אַחוץ 1, 5, 11, 12, 15, 19, 21, 23, 26—30. דוו״ב האָט דאָס וואָרט ניט. עס איז געשאַפֿן צום פּאַרטיציפּיאַלן סובסטאַנטיוו פֿונעם ווערב „יצא" וואָס ווערט פֿאַרטײַטשט אויסגיין און אַרויסגיין. מ״מ האָט אויש גיארן (=אויסגייערין) — היוצאת (זכריה ה, 5). 17 האָט אָנגעגעבן אַרויסגייער.

5. אויסזעער — התּרים (במדבר י״ד, 6), מרגלים (בראשית מ״ב, 9). 3, 4, 7, 8, 9, 10, 13, 14, 16, 17, 20 און 24. דער ווערב אויסזען נעמט אָן אין דער טײַטששפּראַך דעם ספּעציפֿישן באַטײַט 'אויסקוקן, אויסשפּיאָנירן', וועלכן ער האָט ניט אין דײַטש. אויך אין דער יידישער שמועסשפּראַך פֿעלט, דוכט מיר, דער באַטײַט, און אויסזען הייסט בלויז 'האָבן דעם אָנבליק פֿון עפּעס'. דער לשון־קודשער ווערב „תור" ווערט פֿאַרטײַטשט אויסזען. אין לשון־קודש איז צו דעם ווערב פֿאַראַן אַ פּאַרטיציפּיאַלער סובסטאַנטיוו „התּרים", פֿאַר וועלכן עס ווערט געשאַפֿן דער סובסטאַנטיוו אויסזעער. אַנאַלאָג איז דער פֿאַל פֿון „רגל" און „מרגל".

---

[49] די עבֿרי־טײַטש־חומשים האָבן אגלשטיר.

די ציפֿער 3 און 4 אין דער שורה באַטײַטן: די אינפֿאָרמאַנטן נומער 3 און נומער 4 האָבן געדענקט דאָס וואָרט. אַזוי דאַרף מען אויך פֿאַרשטיין די ציפֿער 3, 4, 7 אַאַז״וו בײַם וואָרט אויסזעער, און אַזוי כּסדר.

6. א ו י ס ל אָ ז — עד תמם (ביז דעם אויסלאָז, דבֿרים ל״א, 24). דער שורש „תמם״ ווערט געוויינטלעך פֿאַרטײַטשט אין די עבֿרי־טײַטש־חומשים צוגיין (במדבר י״ד, 33). פֿאַר אונדזער פּסוק פּאַסט זיך דאָס וואָרט צוגיין ניט. נאָך דער תּרגום אונקלוס דיפֿערענצירט אין זײַן טײַטש צווישן די פֿאַרשיידענע באַטײַטן פֿון דעם שורש „תמם״. אַנדערע ערטער פֿאַרטײַטשט ער „דיסופון״, און אונדזער שטעלע „דשלימו״. אין דעם חדר־טײַטש איז דער אונטערשייד אָפּגעווישט געוואָרן. 3, 7 און 8. דוו״ב ברענגט דעם לעצטן ציטאַט פֿון מע־לאַנכטאָנען (געשט׳ 1560).

7. א ו י ס פּ ל י ק ע ר — למרטים (הפֿטורה עקבֿ, ישעיה נ, 6). אויך אין המגיד. 3, 4 און 7. 17 האָט פֿאַרטײַטשט פּליקער (אַזוי אויך בײַ יהואָשן). אין ויקרא י״ג, 40 קומט פֿאַר דער ווערב „מרט״ וואָס ווערט פֿאַרטײַטשט אויספּליקן, און צו דעם ווערב ווערט געשאַפֿן אונדזער סובסטאַנטיוו.

8. א ו י ס צ ו ג* — מוצאיהם (במדבר ל״ג, 2). 3, 8 און 31. דאָס וואָרט איז פֿאַראַן אין מאָדערנעם דײַטש, איז אָבער פֿרעמד דער ייִדישער שמועס־שפּראַך. דאָס לשון־קודשע וואָרט קומט פֿאַר אין ייִדיש אין קאָמבינאַציעס ווי מוצאי־שבת, מוצאי־יום־טובֿ.

9. א ו י ס צ ײַ ע ן* — ותוצא הארץ (און די ערד האָט אויסגעצויגן, בראשית א, 12). 2, 3, 8, 17 און 31. אַזוי ווי אין דער שמועסשפּראַך האָט דאָס וואָרט דעם באַטײַט ׳אויסשטרעקן׳, איז כּדי אויסצומײַדן אַ פֿאַלשע אויסטײַטשונג, ווערט דאָ צוגעשטעלט אין די עבֿרי־טײַטש־חומשים (עט״ח) ...כלומר עס האָט פֿון איר געוואַקסן...

10. א ו י פֿ ב ר ע נ ג ו נ ג** — ועלות (בראשית ח, 20). 2 און 17. ניטאָ ניט אין די דײַטשע ווערטערביכער, ניט אין דעם עט״ח און אַנדערע מקורים וואָס מיר האָבן באַנוצט. דער ווערב וואָס קומט פֿאַר אין זעלביקן פּסוק „ויעל״ ווערט פֿאַרטײַטשט און ער האָט אויפֿגעבראַכט, דאָס הייסט, ער האָט מקריבֿ געווען...

11. א ו י פֿ ג י י ן* — והנער יעל עם אחיו (בראשית מ״ד, 33) און דער יונג לאָז אויפֿגיין מיט זײַנע ברידער. אין דער שמועסשפּראַך איז „אויפֿגייען״ ניט באַנוצט געוואָרן בנוגע מענטשן: די זון איז אויפֿגעגאַנגען; אַ מענטש איז אַרויפֿגעגאַנגען. 2, 3, 8, 17 און 31.

12. א ו י פֿ ה אַ ל ט ע ר — לשטן (במדבר כ״ב, 32). 2—4, 7, 8, 26, 28 און 30. דוו״ב ברענגט דעם לעצטן ציטאַט פֿון לוטערן. ק. —.

13. א ו י פֿ ה י י ב ו נ ג — תנופה (שמות ל״ה, 22). אַ״אָ, אַחוץ 1, 2, 5, 15, 19, 21, 23, 26 און 27. מ״מ און המגיד (ישעיה י״ט, 16). ק. — ויקרא ז, 34.

14. א ו י פֿ ק ל ײַ ב ע ר** — מאסף (במדבר י, 25). 2, 8 און 17. ניטאָ ניט אין דעם עט״ח און די אַנדערע מקורים וואָס מיר האָבן באַנוצט, ניט אין די דײַטשע ווערטערביכער.

15. א ו מ ג ע ר ק י י ט** — בשגגה (ויקרא ד, 2). 17. אין דעם עט״ח

און אין די אַנדערע מקורים וואָס מיר האָבן באַנוצט ניטאָ; אויך ניטאָ אין די דײַ־טשע ווערטערביכער.

16. אומטראַכטערין — עקרה (בראשית י״א, 30). אויך אין המגיד (ישעיה נ״ד, 1) אום טרכטירן, און אין איוב כ״ד, 21 אוהן טרעכטרן. אַ״אַ, אַחוץ 5, 6, 10, 19, 23, 26, 27 און 28. אַנדערע טײַטשן זײַנען געווען קינדלאָז; אונפּרוכטבאַר; עקרה. 14 און 17 האָבן אַנגעגעבן, אַז בלויז אין די נידעריקע כיתות האָט מען דאָס וואָרט פֿאַרטײַטשט. דוו״ב ברענגט אַ וואָרט untraechtig (לוטער). ק. —.

17. אומלויף* — כרכוב (שמות כ״ז, 5). 3 און 17. דאָס וואָרט איז דער יידישער שמועסשפּראַך פֿרעמד; פֿאַראַן אין דעם מאָדערנעם דײַטש.

18. אומריין — טמאת הנדה (דאָס אומריין פֿון איין נדה, הפטורה קדושים, יחזקאל כ״ב, 10). דוו״ב פֿאַררופֿט זיך אויף מה״ד. לעקסער ברענגט אַ וואָרט unreine (סובסטאַנטיוו, שטאַרקער פֿעמינין) מיטן טײַטש ׳אומריינקייט׳. בלויז 7. ק. —.

19. אומשטעטיקן — וזנה (דברים ל״א, 16). אויך אין מ״מ און המגיד (יחזקאל ט״ז, 34). דאָס וואָרט באַגעגנט זיך זייער אָפֿט אין חומש און ווערט פֿאַרטײַטשט אָפּקערן (במדבר ט״ו, 39 א״א). בלויז דאָ האָט דער עט״ח דעם טײַטש אומשטעטיקן. 4 און 17 האָבן אַנגעגעבן דאָס וואָרט און אויך אָפּ־קערן און מזנה זײַן. דוו״ב האָט דאָס וואָרט ניט. לעקסער ברענגט אַ וואָרט unstaeticheit. ק. — תהלים נ״ד, 23.

20. אונטערגראָבן — במחתרת (אין איין אונטערגראָבן, שמות כ״ב, 1). 1—4, 7—10, 14, 16, 17 און 20. דוו״ב ציטירט לוטער (ישעיה כ״ב, 5). ק. —.

21. אונטערלעבונג — משענתו (שמות כ״א, 19). 2—4, 7, 9, 10, 13, 14, 16—18, 20 און 24. אין בראשית י״ח, 4 געפֿינט זיך אַ ווערב „השען" וואָס ווערט פֿאַרטײַטשט אונטערלענען, און „משענת" איז אויפֿגענומען געוואָרן ווי אַן אַבסטראַקטער סובסטאַנטיוו פֿון דעם ווערב, האָט מען געשאַפֿן דעם יידישן סובסטאַנטיוו אונטערלענונג. המגיד (יחזקאל ד, 16). אין די דײַטשע ווער־טערביכער ניטאָ.

22. איבלען — תרעו (בראשית י״ט, 7). 1—3 און 8. המגיד (יחזקאל י״ח, 17). דוו״ב IV, 2, 11 ציטירט דאָס שלעזישע ווערטערבוך פֿון ווײַנהאָלד. ק. —.

23. איבערבלײַבונג — שארית (בראשית מ״ה, 7); שריד (במדבר כ״א, 35); משארותם (שמות י״ב, 34). אַ״אַ, אַחוץ 1, 2, 19, 21, 23, 26 און 27. פֿון די אַנדערע ענטפֿערס איז געווען אַ קליינע צאָל בלײַבונג. זייער אָפֿט אין המגיד. ק. ברענגט ביידע ווערטער: Überbleibung און Beleibung (דברי הימים ב׳ ל״א, 10).

24. איבערענטפֿערן* — מגן צריך בידיך (בראשית י״ד, 20).

דער ייִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד. 3, 8 און 17. אין נה״ד איז דאָס וואָרט פֿאַראַן ווי überantworten.

25. א י י * — ובטרם (בראשית ל״ז, 8). 3 און 8. פֿרעמד דער ייִדישער שמועסשפּראַך. אָפּט אין מ״מ (דברים ל״א, 21) און אין המגיד (ישעיה ס״ה, 24). אין נה״ד פֿאַראַן.

26. א י י ב י ק ל ע ך — לעולם (שמות ג, 15). המגיד גיט איביגליך (ישעיה כ״ח, 28) און איביגליכן (ישעיה נ״ז, 16). דוו״ב ווו, 1206 פֿאַררופֿט זיך אויף די אַלטע ביבלען. ק. — יואל ב, 27.

27. א ײַ ז ן ־ מ ײַ ס ט ע ר — חרש (ישעיה נ״ד, 16). 2—4, 7, 14 און 17. המגיד האָט דאָ אײַזן שמיד. אַ וואָרט פֿונעם זעלביקן שורש איז פֿאַראַן בראשית ד, 22 און ווערט אין עט״ח פֿאַרטײַטשט מײַנסטערשאַפֿט. אין דער הפֿטורה ואתחנן, ישעיה מ, 19 קומט אויך פֿאַר דאָס דאָזיקע וואָרט און ס׳ווערט פֿאַרטײַטשט מײַסטער פֿון אײַזן. אין דוו״ב ניטאָ.

28. א ײַ ל ו נ ג — וכשלו איש באחיו (ויקרא כ״ו, 37). אין דעם עט״ח קומט דאָ אַזאַ אינטערפּאָלאַציע: און זייא וועלן געשטרויכלט ווערן איינער אין דעם אַנדערן מחמת דעם אײַלונג פֿון אַנטלויפֿן. אָט די אינטערפּאָלאַציע האָבן מיר ניט באַקומען פֿון קיין איינעם פֿון אונדזערע אָביעקטן. אין דברים ט״ז, 3 באַגעגנט זיך דאָס וואָרט „בחפזון״ (זע נומ׳ 29), וואָס ווערט אין דעם עט״ח פֿאַרטײַטשט מיט אײַלנדיק און וואָס 3, 4, 7, 16—18, 20 און 24 האָבן פֿאַרטײַטשט מיט אײַלונג אָדער אין אײַלונג. דאָס וואָרט קומט אויך פֿאַר אין ק.

29. א ײַ ל נ ד י ק — בחפזון (דברים ט״ז, 3). קיין איין באַשטעטיקונג פֿון אונדזערע אָביעקטן. אין מ״מ ווערט דאָס וואָרט פֿאַרטײַטשט אײַלנדיק (אַדווערב). כּדי צו מאַכן דעם טײַטש געטרײַער צום מקור האָט דער עט״ח מוסיף געווען אַ מיט און אויף אַזאַ אופֿן אי פֿאַרטײַטשט דעם לשון־קודשן פּרעפֿיקס „ב״ אי פֿון דעם אַדווערב אײַלנדיק געמאַכט אַ סובסטאַנטיוו אין הסכּם מיט דעם מקור.

30. א ײַ נ ט ו ן — ויאסף (בראשית כ״ה, 8). אויך אין מ״מ און אין המגיד (יחזקאל כ״ט, 5) 1—4, 7, 8, 11, 12, 20—25. דוו״ב ווו, 322 ברענגט דעם לעצטן ציטאַט פֿון פֿישאַרטן (1575). אַדעלונג אין זײַן דײַטשן ווערטער־בוך (1774) באַצייכנט דאָס וואָרט ווי אַ נידעריקן אויסדרוק (לויט דוו״ב). ק. —.

31. א י י נ צ י ק ן — אל תחד כבודי (בראשית מ״ט, 6) ... זאָל ניט ווערן געאיינציקט מײַן כּבֿוד. דער ייִדישער שמועסשפּראַך איז דאָס וואָרט פֿרעמד; רש״י פֿירט דאָס וואָרט צוריק צום העברעיִשן שורש „יחד״ און פֿאַררופֿט זיך דערבײַ אויף אַן ענלעכן אויסדרוק אין ישעיה י״ד, 20, וועלכער ווערט אין המגיד פֿאַרטײַטשט געאיינציקט. אַן אַדיעקטיוו־סובסטאַנטיוו פֿון דעם שורש געפֿינט זיך אין בראשית כ״ב, 2, „יחידך״, פֿאַרטײַטשט איינציק. צו דעם אַדיעקטיוו־סובסטאַנטיוו ווערט פֿאַר דעם לשון־קודשן ווערב געשאַפֿן דער ייִדישער ווערב איינציקן. 3, 4 און 7. אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

32. אינד* — אילה (בראשית מ״ט, 21). דאָס וואָרט איז דער יידי־שער שמועסשפּראַך פרעמד, אַחוץ אין נאָמען הינדע. 2, 3, 17 און 31. 8 — הינד. מ״מ און המגיד (ירמיה י״ד, 5) האָבן הינד. אין מאָדערנעם דײַטש פאַראַן.

33. אינדן — גליו (הפטורה שופטים, ישעיה נ״א, 15). א״אַ, אַחוץ 6, 19, 25, 27 און 28. דאָס וואָרט געפינט זיך אין מ״מ (זכריה י, 11) און אין המגיד. דוו״ב וX, 3, 433 גיט אַן בײַם וואָרט ünde, unde, אַז ס׳איז איצט פאַרגעסן. ק. — איוב ל״ח, 11.

34. אכפערן — יגדל (במדבר י״ד, 17). 1—4, 6—8, 20—22, מ״מ און המגיד (יחזקאל ל״ח, 23). דוו״ב —. לעקסער ו, 29 (ahtbaeren).

35. אכפערקייט — גדלך (דברים ג, 24). מ״מ און המגיד (יחזקאל ל״א, 6). 2—5, 7, 8 און 20. דוו״ב ברענגט, אַז אין די עלטערע ביבלען קומט פאַר דאָס וואָרט achperkeit (עוואַנגעליעס).

36. אלונט — ולוט (בראשית ל״ז, 25), אַלונט (בראשית מ״ג, 11). בלויז 3 האָט דאָס וואָרט געהערט. דוו״ב האָט אַזאַ וואָרט ניט. לעקסער ברענגט אַ וואָרט ālun, אָבער מיט אַן אַנדער באַטײַט. ק. —.

37. אלט־געזעסענער — תושב (בראשית כ״ג, 4). א״אַ, אַחוץ 5 — אײַנגעזעסענער, 24 — אַנגעזעסענער, 26 און 28. 17 האָט אַנגעגעבן, אַז דאָס וואָרט האָט מען פאַרטײַטשט בלויז אין די נידעריקערע כיתות. מ״מ (יחזקאל מ״ז, 22). דוו״ב ניטאָ. לעקסער ו, 45 ציטירט אַ וואָרט altsezze. ק. —.

38. אלטזיצער** — האזרח (ויקרא ט״ז, 29). בלויז געהערט פון 17 וועלכער האָט דערקלערט, אַז דאָס וואָרט איז צו דיפערענצירן פון אַלט־געזעסענער (תושב). ניטאָ אין די דײַטשע ווערטערביכער און אויך ניט אין די עט״ח.

39. אנברייטערין — קדשה (בראשית ל״ח, 21). א״אַ, אַחוץ 13, 19, 23, 26—30. מ״מ (דברים כ״ג, 18) אַן ברייטר; המגיד (ישעיה מ״ד, 2) אַן ברייטר. די דײַטשע ווערטערביכער האָבן אַזאַ וואָרט ניט.

40. אנגאַרט — וחשוקיהם (שמות כ״ז, 10). 3, און אויך אַנגעגעבן: גאַרטרייף. אין די דײַטשע ווערטערביכער איז דאָס וואָרט ניטאָ (זע אויבן, ז׳ 20).

41. אנגורטונג — חגורות (בראשית ג, 7). 2—4, 7, 8, 13, 14, 20 און 24. דער יידישער שמועסשפּראַך פרעמד; אויך דאָס וואָרט „חגורה" איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַן אַבסטראַקטער סובסטאַנטיוו פונעם שורש „חגר" (שמות כ״ט, 9), וועלכער ווערט פאַרטײַטשט אַנגורטן, און דערפאַר האָט מען געשאַפן אַן אַבסטראַקטן סובסטאַנטיוו פונעם זעלביקן שורש. אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

42. אנגסטן — תחת (דברים א, 21). מ״מ און המגיד (איוב ז, 14).

1—4, 7 און 8. דוו״ב I, 360, דער לעצטער ציטאַט איז פֿון מאַשעראַשן (1645). ג״גל 10. ק. —.

43. אַנטלויפֿונג — ומנוסי (הפֿטורה בחקותי, ירמיה ט״ז, 19). אין ויקרא כ״ו, 36 איז פֿאַראַן דאָס וואָרט „מנסת״, ס׳ווערט פֿאַרטײַטשט אין די עט״ח פֿרײַ גלײַך ווי אײנער אַנטלויפֿט... 2—4, 7 און 17. דער ייִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד; אין ק. איז פֿאַראַן אַן אַבסטראַקטער סובסטאַנטיוו Laufung. דער ווערב „נוס״ (בראשית י״ד, 10) ווערט פֿאַרטײַטשט אַנטלויפֿן, און פֿאַר אונדזער וואָרט, וואָס מען האָט עס באַטראַכט ווי אַן אַבסטראַקטן סובסטאַנטיוו, האָט מען געשאַפֿן אַ וואָרט אַנטלויפֿונג. אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

44. אַנטלויפֿער — ומנוסי (הפֿטורה פֿון האזינו, שמואל ב׳ כ״ב, 3). קיין שום באַשטעטיקונג פֿון אונדזערע אָביעקטן. דער ייִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד; דער ווערב „נוס״ ווערט פֿאַרטײַטשט אַנטלויפֿן (בראשית ל״ט, 12). אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

45. אַנטלײַער — בעל משה ידו (דברים ט״ו, 2), מנושי (הפֿטורה עקב, ישעיה נ, 1). המגיד (ישעיה כ״ד, 2). דער ייִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד; אין שמות כ״ב, 24 ווערט דאָס וואָרט „כנשה״ פֿאַרטײַטשט ... גלײַך ווי דו האָסט אים אַנטליגן. 4 און 7. אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

46. אַנטפֿאַנגען — תשא (שמות ל, 12). אַ״אַ, אַחוץ 1, 5־6, 15, 19, 21, 23, 26—30. מ״מ און המגיד (יחזקאל ד, 4). ג״גל 64 ברענגט אַ וואָרט entpfangen — ׳נעמען צו זיך׳. ק. —.

47. אַנטפֿלעקן — ויגל (במדבר כ״ב, 31). אַ״אַ, אַחוץ 26 און 27. המגיד — יחזקאל ט״ז, 57. דוו״ב III, 498 ציטירט אַפּיצן (1597—1639). ק. (אַן -ent) — יחזקאל ט״ז, 57.

48. אַנטפֿלעקונג — נגלו (בראשית ל״ה, 7). 2, 3, 7, 8, 10, 13, 14, 17 און 20. דוו״ב גיט דאָס וואָרט ווי מה״ד. ק. —.

49. אַנטרינונג — לפליטה (בראשית מ״ה, 7). אַ״אַ, אַחוץ 23, 26 און 27. דער ייִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד; אין בראשית י״ד, 13 איז פֿאַראַן דער סובסטאַנטיוו „הפליט״ וועלכער ווערט פֿאַרטײַטשט אַנטרינער, און צו דעם סובסטאַנטיוו ווערט געשאַפֿן אונדזער אַבסטראַקטער סובסטאַנטיוו. המגיד (ישעיה י״ט, 17), מ״מ (יואל ג, 5). אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

50. אַנטרינער — הפליט (בראשית י״ד, 13). אַ״אַ, אַחוץ 26 און 27. אין בראשית י״ט איז פֿאַראַן עטלעכע מאָל דער ווערב „מלט״ וועלכער ווערט פֿאַרטײַטשט אַנטרונען אָדער אַנטרונען ווערן. „פליט״ איז באַנומען געוואָרן ווי אַ סובסטאַנטיוו פֿון דעם דאָזיקן שורש. די פֿאַרבינדונג פֿון דעם ווערב מיט דעם סובסטאַנטיוו ווערט קלאָר פֿון דעם תּרגום אונקלוס, וווּ ביידע ווערן פֿאַרטײַטשט מיט דעם שורש „שזב״. דאָס וואָרט איז דער ייִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד; המגיד (ירמיה מ״ד, 14); מ״מ (יחזקאל כ״ה, 26). ניטאָ אין די דײַטשע ווערטערביכער.

51. אַנטשפּויזן — תארש (דברים כ״ח, 30). 3, 4, 6—8, 14 און

20. מ״מ און בײַ אַפּאַטאַשון. געפֿינט זיך שוין אין דעם מינכענער גלאָסאַר. דוו״ב האָט דאָס וואָרט ניט; עס ברענגט sponsieren.

52. אַ נ י ק ל ש ט י י ן — שהם (שמות כ״ח, 20). 3, 4, 7 און 8. מ״מ און המגיד (יחזקאל כ״ח, 13); אַזוי אויך בײַ אַפּאַטאַשון. דוו״ב VII, 1289. דער לעצטער ציטאַט איז פֿון 16טן י״ה. ק. —.

53. אַ נ מ ו ט ן — ימצאהו בארץ מדבר (דברים ל״ב, 16). אין דעם עט״ח ווערט דאָ אינטערפּאָלירט אַ זאַץ וואָס שטיצט זיך אויף אַן אַגדה, אַז ... גאָט האָט זיי [די אומות העולם] אָ נ ג ע מ ו ט אַז זיי זאָלן מקבל זײַן די תורה און זיי האָבן ניט געוואָלט. המגיד (ישעיה מ״ה, 19). קיין שום באַשטעטיקונג פֿון אונדזערע אָביעקטן. ג״גל (11) anmuten — einem etw. vorschlagen. ק. —.

54. אָ פֿ נ ב אַ ר ל ע ך — ביד רמה (במדבר ט״ו, 30); במדבר ל״ג, 3 — אָפֿנוואָרלעך. 3 און 8 — אָפֿנבאַרלעך. קיין שום באַשטעטיקונג פֿאַר אָפֿנ־וואָרלעך. המגיד (ישעיה ג, 9) — אופֿן ווערליך. דוו״ב ציטירט לוטער (ירמיה ט״ו, 8). ג״גל (170). ק. —.

55. אָ פּ ק ע ר ע ר — סורר (דברים כ״א, 18). אַ״אַ, אַחוץ 26־27. דער ייִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד. דאָס וואָרט איז אויפֿגעקומען געוואָרן ווי אַ סובסטאַנטיוו צום ווערב „סור״ (אַזוי אויך רש״י: „סורר — סר מן הדרך״). „סור״ קומט פֿאַר אין בראשית י״ט, 2 און ווערט פֿאַרטײַטשט אָפּקערן. פֿאַרן סובסטאַנטיוו „סורר״ ווערט געשאַפֿן דער ייִדישער סובסטאַנטיוו. המגיד (ירמיה ו, 28). מ״מ (הושע ט, 15). אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

56. אַ ר ב * — ירושה (דברים ב, 9). זע אויבן, ז׳ 18. 2, 3, 8, 17 און 31. 17 האָט געזאָגט, אַז אין די העכערע כּיתּות האָט מען דאָס וואָרט געלאָזט אומ־פֿאַרטײַטשט. מ״מ און המגיד (ירמיה י״ב, 14).

57. אַ ר ב ן * — וירשתה (דברים כ״ו, 1). 2, 3, 8, 17 און 31. מ״מ און המגיד (ירמיה י״ב, 14).

58. אַ ר ל אָ ס ט — דבת (במדבר י״ג, 32). בלויז 2 האָט דאָס וואָרט געדענקט פֿון די חדר־יאָרן, אָבער אָן אַ באַשטימטער שײַכות צום לשון־קודשן מקור. דאָס לשון־קודשע וואָרט איז פֿאַראַן אין חומש 4 מאָל (בראשית ל״ז, 2; במדבר י״ג, 32, י״ד, 36 און 37), ווו עס ווערט פֿאַרטײַטשט שלעכטע רייד אָדער לשון הרע; בלויז אונדזער פּסוק האָט אָרלאָסט אָדער רכילות. אינעם „מרכבת המשנה״ ווערט דאָס וואָרט פֿאַרטײַטשט אולאסטר און לאסטר. אין המגיד ווערט דאָס וואָרט „תהלה״ (איוב ד, 18) פֿאַרטײַטשט אורלאסטר (ירמיה כ, 10); דבת — לעשטרונג, דאָס זעלביקע אויך אין מ״מ (יחזקאל ל״ו, 3). אין מלמד שיח — אורלאסטיר. אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

59. ב אַ ג י ט י ק ן * — היטיבו כל אשר דברו (דברים ה, 25) ... זיי האָבן באַגיטיקט אַלץ וואָס זיי האָבן גערעדט, כּלומר זיי ריידן רעכט. אַ פּרווו איבערצוגעבן דעם קויזאַטיוו פֿון דעם ווערב אין אַ ייִדישער פֿאָרעם. 3 און 8. מ״מ (זכריה ח, 15) און המגיד (ישעיה י״ח, 4).

60. באַגערונג — חפץ (קהלת ה, 3). א״אַ, אַחוץ 1, 2, 5, 15, 19, 21, 23, 26 און 29. דור״ב, ו, 1290 ציטירט דאָס וואָרט נאָר אין קאָמבינאַציעס ווי Begehrungskraft, begehrungslos. סעפּאַראַט איז עס נאָר מה״ד. ק. — בראשית ל״א, 30.

61. באַגרײַפֿונג* — אחזת נחלתנו (במדבר ל״ב, 32) דאָס באַגרײַפֿונג פֿון אונדזער אָרב. 17. דער ייִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד. אין מאָדערנעם דײַטש פֿאַראַן.

62. באַגרײַפֿן — ותתפשהו (בראשית ל״ט, 12) און זי האָט אים באַגריפֿן אין זײַן קלייד. אין דעם באַטײַט איז דאָס וואָרט דער ייִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד. 3 און 8. המגיד (ישעיה ד, 1) ... און׳ זייא ווערן בגרייפֿן ... זיבן ווייבר אן איינם מאן ...

63. באַדינען — ירקענו (הפטורה ואתחנן, ישעיה מ, 19). קיין שום באַשטעטיקונג פֿון אונדזערע אָביעקטן. דאָס וואָרט באַגעגנט זיך אויך אין שמות ל״ט, 3, און אין דער הפטורה האזינו, שמואל ב כ״ב, 43, ווו עס ווערט אין דעם עט״ח פֿאַרטײַטשט דינען; אין במדבר י״ז, 4 — דין מאַכן. 7 — איבערדינען, און אַזוי אויך אין המגיד (זע ווײַטער 142).

64. באַהעפֿטערין — אחות (שיר השירים ח, 8, און זע אויבן ז׳ 20). דער ייִדישער שמועסשפּראַך איז עס פֿרעמד. 2 און 3. די דײַטשע ווערטערביכער האָבן דאָס וואָרט ניט.

65. באַוויינונג — בכי (דברים ל״ד, 8). 2—4, 7, 9, 10, 13, 14, 16 און 20. דער ייִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד. עס ווערט געשאַפֿן ווי אַן אַבסטראַקטער סובסטאַנטיוו צום טראַנזיטיוון ווערב „בכה״ — ׳באַוויינען׳. אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ. — די טײַטששפּראַך דיפֿערענצירט צווישן „בכה״ טראַנזיטיוו — באַוויינען, און אינטראַנזיטיוו — וויינען. די דאָזיקע דיפֿערענצירונג באַגעגנט זיך שוין אין טייל ביזלוטערשע ביבלען, אָבער ניט אין גאַנצן קאָנסעקווענט. לוטער פֿירט זי דורך קאָנסעקווענט.

66. באַוויליקייט — נדבה (דברים כ״ג, 24). דאָס וואָרט באַגעגנט זיך אָפֿט מאָל (ויקרא ז, 16; במדבר ט״ו, דברים י״ב), און ווערט אין דעם עט״ח פֿאַרטײַטשט באַוויליקונג אָדער בלײַבט אומפֿאַרטײַטשט. בלויז דאָ האָט דער עט״ח דעם טײַטש באַוויליקייט (די אויסגאַבע תורת אלהים, ווילנע 1898 האָט דאָ אויך באַוויליקונג). 2 און 7 האָבן אָנגעגעבן באַוויליקייט און באַוויליקונג. די אַנדערע — באַוויליקונג, אָדער געלאָזט דאָס וואָרט אומפֿאַרטײַטשט. דער ייִדישער שמועסשפּראַך איז באַוויליקייט פֿרעמד. אין שמות כ״ה, 2 איז פֿאַראַן דער ווערב „נדב״ וועלכער ווערט פֿאַרטײַטשט באַוויליקן. מ״מ האָט דורכויס באַוויליקונג; המגיד לאָזט דאָס וואָרט אומפֿאַרטײַטשט. אין די דײַטשע ווערטערביכער איז אונדזער סובסטאַנטיוו ניטאָ.

67. באַטעטיקן — ונועדתי (שמות כ״ט, 43). 3, 4, 7, 8 און 9. מ״מ (הושע ט, 5), המגיד (ישעיה ל״ג, 20). דור״ב גיט אָן דאָס וואָרט ווי מה״ד. ק. —.

68. באטשאפט* — באשותא (אקדמות, שורה ל, 2). 3. דער ייִדי־שער שמועסשפּראַך פֿרעמד, אַנשטאָט דעם ניצט מען „שליחות״. אין מאָדערנעם דײַטש פֿאַראַן.

69. באלײדיקן* — צרור את המדינים והכיתם (במדבר כ״ה, 17). 3, 8 און 17. מ״מ (עמוס ה, 12); המגיד (ישעיה י״א, 13) — ליידיגן.

70. באלעגערונג — במצור (דברים כ, 19). 2, 4, 8, 14 און 20. מ״מ און המגיד (ישעיה כ״ט, 3). דוו״ב ברענגט דאָס וואָרט ווי מה״ד. ק. —.

71. באלעגערן — תצור (דברים כ, 19). 2, 4, 8, 14 און 20. מ״מ און המגיד (יחזקאל ה, 2). דוו״ב ברענגט דאָס וואָרט ווי פּרנה״ד. ג״גל (26). ק. —.

72. באלקענען — המקרה (קהלת י, 18). נאָר די אויסגאַבעס פֿון וואַרשע 1862 און ווין 1865 פֿאַרטײַטשן דאָס וואָרט דאָס וואָס באַלקנט. די אַנדע־רע אויסגאַבעס האָבן דער באַלקן (סובסטאַנטיוו). די ייִדישע שמועסשפּראַך ווייס פֿון דעם וואָרט ניט. די אויסגאַבעס וואָס האָבן באַלקנט נעמען אויף „המקרה״ ווי אַ ווערב. היות ווי אין בראשית י״ט, 8 איז פֿאַראַן דער סובּ־סטאַנטיוו „קורה״ וועלכער ווערט פֿאַרטײַטשט באַלקן, ווערט דערפֿון געשאַפֿן אַ ייִדישער ווערב באַלקענען. קיין שום באַשטעטיקונג פֿון די אָביעקטן. 3 האָט געבראַכט פֿאַר דעם ווערב אין תהלים ק״ד, 3 „המקרה במים עליותיו״ — דער וואָס באַלטנט. המגיד (נחמיה ב, 8) האָט בעלקנן. אין די דײַטשע ווערטער־ביכער ניטאָ.

73. באמאַנען* — ובעלתה (דברים כ״א, 13). 3, 8 און 17. דער ייִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד. מ״מ און המגיד (ישעיה נ״ד, 1). פֿאַראַן אין מאָדערנעם דײַטש.

74. באַנירט — דגול (שיר השירים ה, 10). 4, 3 און 7 — באַפֿאַנט. באַנירט איז פֿרעמד דער ייִדישער שמועסשפּראַך. דער סובסטאַנטיוו „דגל״ ווערט אין דעם עט״ח (במדבר א, 52) פֿאַרטײַטשט באַניר, [50] און צו דעם סובּ־סטאַנטיוו איז געשאַפֿן געוואָרן אַ ווערב. אין די דײַטשע ווערטערביכער איז אונדזער וואָרט ניטאָ.

75. באַפֿעלונג — ופקודת (במדבר ט״ז, 29). 2—4, 7, 8, 14, 17 און 23. המגיד (ירמיה מ״ו, 21). דוו״ב גיט אָן דאָס וואָרט ווי מה״ד. ק. —.

76. באַפֿעלן — ויפקידהו (בראשית ל״ט, 4). 3 און 8. זע אויבן ז' 27. המגיד (ירמיה מ, 7) ...ער האָט ביפֿולן מיט אים מאַנן און' ווייבר...

77. באַצווינגעניש — וכבשיה בכבשותא (אקדמות, שורה ה, 2) ...און האָט די באַצווינגען מיט אַ באַצווינגעניש... א״א, אחוץ 1, 5, 15, 19, 21—23, 26—30. דער ווערב „כבש״ (בראשית א, 28) ווערט פֿאַרטײַטשט באַצווינגען, פֿאַר דעם אַבסטראַקטן סובסטאַנטיוו ווערט געניצט דאָס וואָרט

[50] נ' 17 האָט אַנגעגעבן, אַז אין בעליניטש, מאָליעווער געגנט, האָט מען אַ שׂמחת־תּורה־פֿאָן גערופֿן באַנער.

באַצווינגעניש. מ״מ (דבָרים כ״ו, 7); המגיד (איובֿ י״ג, 21). אַ סובסטאַנטיוו betwungnust איז פֿאַראַן אין מה״ד.

78. באַצייג[ע]ניש — העדות (שמות ל״א, 18). 1—4, 7—9 און 17. ק. — בראשית מ״ג, 3, אין דער אויסגאַבע פֿון א״ג 1475. מ״מ און המגיד (ישעיה י״ט, 21). דער באר משה האָט גיצייגניש. דוו״ב ו, 1798, דער לעצטער ציטאַט פֿון פֿאַראַצעלזוסן (געשט׳ 1541).

79. באַקלאָגערס — הסופדים (קהלת י״ב, 5). אַזוי אויך בײַ יהואָשן. די אויסגאַבע פּיעטריקאָוו 1893 האָט באַקלעגערס. 4, 8 און 17. 7 — באַקלעגערס. דער ייִדישער שמועסשפּראַך זײַנען ביידע ווערטער פֿרעמד. די דײַטששפּראַך דיפֿערענצירט צווישן קלאָגן און באַקלאָגן; דער ווערב „ספד״ (בראשית כ״ג, 2) ווערט פֿאַרטײַטשט באַקלאָגן. די דײַטשע ווערטערביכער האָבן ניט דאָס וואָרט Beklager, בלויז Bekläger גיט דוו״ב ווי מה״ד.

80. באַראָטן* — והנחם (שמות ל״ב, 12). 3 און 17. אין דעם באַטײַט ׳חרטה האָבן׳ איז דאָס וואָרט אויך ניטאָ אין דער ייִדישער שמועסשפּראַך. זע אויבן ז׳ 22. ניטאָ אויך אין דײַטש.

81. באַרויבונג — חמסי (בראשית ט״ז, 5). א״אַ, אַחוץ 1, 2, 11, 12, 15, 21, 23, 26—30. מ״מ (קהלת ה, 7). ק. — שמואל א ל, 16.

82. באַרטן — שפת (בראשית כ״ב, 17). א״אַ, אַחוץ 5, 9, 10—12, 15—19, 22—27. מ״מ (עמוס ח, 8); המגיד (ישעיה ל״ג, 21). אין דוו״ב ניטאָ. לעקסער ו, 329. ק. — עזרא 3, g, 55 (עזרא 3 איז אין ק. נחמיה, ווײַל דאָרט ווערט עזרא צעטיילט אין צווי טיילן).

83. באַרימונג — תהלתי (הפֿטורה בחוקותי, ירמיה י״ז, 14). 2. דער ווערב פֿון דעם דאָזיקן שורש „הלל״ ווערט דורכויס פֿאַרטײַטשט לויבן, און אין די אַנדערע צוויי ערטער, וווּ דאָס וואָרט באַגעגנט זיך (דבָרים י, 21; כ״ו, 19) ווערט עס פֿאַרטײַטשט לויבונג און לויב. המגיד (ישעיה י, 12). דאָס וואָרט איז אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

84. באַשוועגערן — יבמי (דבָרים כ״ה, 7). מ״מ און אויך יהואָש. 3, 4, 7 און 8. דוו״ב גיט אָן דאָס וואָרט ווי פֿנה״ד. ק. —.

85. באַשטאַנד* — מצבה (בראשית כ״ח, 18). 2, 3 און 8. אין דער שמועסשפּראַך האָט דאָס לשון־קודשע וואָרט אָנגענומען אַ מאָדיפֿיצירטן באַטײַט ׳אָנדענקשטיין פֿאַר אַ טויטן׳. אין דבָרים י״א, 6 איז פֿאַראַן דאָס וואָרט „יקום״, וואָס אין טע״ח ווערט עס פֿאַרטײַטשט ... זייער באַשטאַנד כלומר זייער גוטס וואָס זיי האָבן געהאַט ... אַזוי אויך אין מ״מ. 2, 3, 8 און 17.

86. באַשטעטיקן — ויכוננך (דבָרים ל״ב, 6). 2, 3 און 8. זע אויבן ז׳ 24.

87. באַשיידונג — פּתרונו (בראשית מ, 12). 3, 4, 7 און 8. המגיד (דניאל ה, 12). דוו״ב ברענגט דעם לעצטן ציטאַט אויס פֿישאַרטן (1575). ק. —.

88. באַשײדעניש — פשר (קהלת ח, 1). 2, 7, 14 און 17. דער ייִדישער שמועסשפּראַך פרעמד. רשי פירט אַרויס דאָס וואָרט פונעם שורש „פּתר" וואָס ווערט פאַרטײַטשט באַשײדן. דער אַבסטראַקטער סובסטאַנטיוו אין דעם עט"ח איז באַשײדונג פאַר „פּתרון" און באַשײדעניש פאַר אונדזער וואָרט. מ"מ (דברים י"ז, 18). אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

89. באַשײדער — ופותר (בראשית מ, 8). צום שורש פּתור — באַשײדן האָט מען געשאַפן דעם סובסטאַנטיוו. אַ"אַ, אַחוץ 19 און 26. דוו"ב ציטירט אַזאַ וואָרט (פון לוטערס שריפטן), אָבער מיטן באַטײַט 'אײנער וואָס לאָזט איבער אַ צוואה' (testator).

90. בוטל* — צפּחת (הפטורה פּנחס, מלכים א׳ י"ט, 6). אַזוי נאָר אין די אויסגאַבעס פון וואַרשע 1862 און ווין 1865. די אַנדערע אויסגאַבעס האָבן איין קריגל אָדער איין גלאָז. קײן שום באַשטעטיקונג פון די אָביעקטן.

91. בײז — רע (בראשית ל"ח, 7). 3. זע אויבן ז׳ 25.

92. בײַסונג — נשך (שמות כ"ב, 24). אַ"אַ, אַחוץ 1, 5, 15, 19, 23, 26 און 27. מ"מ און המגיד (יחזקאל י"ח, 17). זע אויבן ז׳ 19.

93. בײַרייד — ולשנינה (דברים כ"ח, 37). 3 און 17. 4 און 7 האָבן דאָס וואָרט געהערט, אָבער ניט געדענקט דעם לשון־קודשן עקוויוואַלענט. אונדזערע אויסגאַבעס פון עט"ח האָבן רייד. דוו"ב ו, 1389, דער לעצטער ציטאַט פון לוטערס Tischreden. ק. — תהלים ס"ח, 12.

94. בײַשטידל — משקוף (שמות י"ב, 7). אַ"אַ, אַחוץ 5, 10, 13, 17, 19, 26—30. ס'איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז 10 האָט אָנגעגעבן אוסיאַק, בעת זײַן זון װעלכער האָט אויך געלערנט אין דער זעלביקער שטאָט האָט אָנגעגעבן בײַשטידל. המגיד (ישעיה נ"ד, 12), מ"מ (יחזקאל י"א, 19). דוו"ב —. לעקסער ו, 285. ק. — שמות י"ב, 7; כ"ב, 23 אַ"אַ.

95. בײַשפּילער — המושלים (במדבר כ"א, 27). אַ"אַ, אַחוץ 1, 5, 15, 19, 21—28. דער ייִדישער שמועסשפּראַך פרעמד. דאָס וואָרט איז באַנומען געוואָרן ווי אַ מאַווירטער סובסטאַנטיוו צו „משל" וואָס ווערט פאַרטײַטשט בײַשפּיל (במדבר כ"א, 7), און דערצו האָט מען געשאַפן דעם ייִדישן סובסטאַנ־טיוו. די דײַטשע ווערטערביכער האָבן דאָס וואָרט ניט.

96. בלוטפרײַנד — גואל הדם (במדבר ל"ה, 19). 3, 4, 6—8, 13, 14, 16, 17 און 20. 17 האָט אָנגעגעבן, אַז בלויז אין די נידעריקערע פּיתות האָט מען דאָס וואָרט פאַרטײַטשט. דער עט"ח האָט לײַבפרײַנד. מ"מ. לוטער זעצט איבער „שאר בשר" (ויקרא י"ח, 6) blutsfreundin. ק. —.

97. בליונג — כּפורחת (בראשית מ, 10), פּרח (במדבר י"ז, 23). 3, 7—9 און 17. מ"מ (נחום א, 4); המגיד (איוב ט"ו, 33). ק. —. דוו"ב גיט אָן דאָס וואָרט ווי פנה"ד.

98. בלײַער — אבן הראשה (הפטורה בהעלותך, זכריה ד, 7). אומ־באַקאַנט אונדזערע אָביעקטן. דער ייִדישער שמועסשפּראַך פרעמד מיט דעם טײַטש. 17 — קאָפּשטײן, און אַזוי אויך אין יהואש (17 ווייס בכלל ניט פון

דער עקסיסטענץ פון יהוֹאָשן). רשי פאַרטײַטשט דאָס וואָרט „אבן הבדיל״, און דער מ״מ האָט דען בלייאַן שטיין. אין דעם עט״ח ווערט „בדיל״ פאַרטײַטשט צין (במדבר ל״א, 22), און נאָר „עופרת״ (שמות ט״ו, 10) ווערט פאַרטײַטשט בלײַ. די דײַטשע ווערטערביכער איז דאָס וואָרט אומבאַקאַנט.

99. בלעכמאַלן — משקדים (שמות כ״ה, 33). 3. 29 — געמאַנדלט. 7 — געמאַנדלמאַלט. באר משה — געבלעכמאַלט אדער גישמעלצט. דוו״ב וו, 59 ברענגט דעם לעצטן ציטאַט פון 16טן י״ה.

100. בענטשונג — ברכה (בראשית כ״ח, 3). 3, 7, 8, 17, 24 און 25. דער יידישער שמועסשפּראַך פרעמד. המגיד (איוב כ״ט, 3) און מ״מ (דברים י״א, 26). אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

101. בראַנדאָפּער* — עולות (שמות ו, 25). 2, 3, 8, 17 און 31, מ״מ. זייער אָפט אין ק. און בײַ לוטערן.

102. ברענשלאַנג** — שרף (דברים ח, 15). 2 און 17. אונדזערע אויסגאַבעס פון דעם עט״ח האָבן דאָס וואָרט ניט, אויך איז עס דער יידישער אומגאַנגשפּראַך פרעמד. אין די דײַטשע ווערטערביכער ניט בנימצא.

103. גאָלונג — קרחה (ויקרא כ״א, 5). א״א, אַחוץ 5, 23, 26—30, דער ווערב „קרח״ אין דעם זעלביקן זאַץ ווערט פאַרטײַטשט גאָלן. דער אַבּ־סטראַקטער סובסטאַנטיוו איז דער יידישער שמועסשפּראַך פרעמד. מ״מ און המגיד (יחזקאל ז, 18) — קאלונג. זע ד' 23. אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

104. גײַונג** — מהלכים (הפטורה בהעלותך, זכריה ג, 7). 17. דאָס וואָרט איז ניט בנימצא אין אונדזערע עט״ח. דער יידישער שמועסשפּראַך פרעמד. ניטאָ אין די דײַטשע ווערטערביכער.

105. גײַפלען (ווערב) — וקמץ (ויקרא ב, 2). 3, 6 און 8. אין דער אויסגאַבע תורת אלהים, ווילנע 1898 — הײַפלען. מ״מ. דוו״ב ברענגט אַ וואָרט gäufeln, באַנוצט בלויז אין דער שווייץ. ק. —.

106. גײַפל — חפניכם (שמות ט, 8). 3, 4, 6—8. מ״מ (קהלת ד, 6), און המגיד (יחזקאל י, 2). דוו״ב ו, IV, 1542 גיט אָן אַ וואָרט goufe און פאַר־רופט זיך דערבײַ אויף די אַלטע ביבלען. באַהדער (79) גיט אָן, אַז דאָס וואָרט געפינט זיך נאָך בײַ אַבראַהאַם אַ סאַנטאַ קלאַראַ (17טן י״ה), אָבער בכלל, זאָגט ער, בלײַבט עס פרעמד דער דײַטשער שרײַבשפּראַך. ג״גל (98) — geifel ווי מערב־מיטלדײַטש. ק. — מלכים א (ג), כ' 12, אין די אויסגאַבעס פון 1483, 1485 און 1490.

107. גים גאָלד [=גינגאָלד] — ויפזו זרועי ידיו (בראשית מ״ט, 24). אין דעם עט״ח ווערט דאָ אינטערפּאָלירט ...ווען פרעה האָט געגעבן דאָס פינ־גערל פון גים גאָלד... אונדזערע אָביעקטן נאָר גינגאָלד. א״א, אַחוץ 26 און 27. מ״מ (איכה ד, 7) און המגיד (איוב ל״א, 24) — גים גאָלד. דוו״ב, ו, IV, 7510 ציטירט די פּאָעמע פון דײַטשן אָרדן Hiob (13טן—14טן י״ה) און גיט אָן, אַז ליטעראַריש איז דאָס וואָרט נאָר זייער זעלטן באַנוצט.

108. גלויבונג — אמנה (שיר השירים ד, 8). 4 און 7. דוו״ב

זאָגט וועגן דעם וואָרט, אַז עס באַווײַזט זיך סוף 15טן י״ה און ווערט פֿאַרגעסן אין 18טן י״ה. ק. —.

109. גלוסטונג — תשוקתו (בראשית ד, 7). אין בראשית ג, 16 ווערט דער סובסטאַנטיוו פֿאַרטײַטשט ווי אַ ווערב גלוסטן. 4, 7, 9, 10, 13, 14, 17, 18, 20 און 24. מ״מ און המגיד (יחזקאל כ״ד, 21). דוו״ב גיט אַן אַ וואָרט gelustung ווי פּנה״ד. ק. —.

110. גלוסטיקייט — מחמדים (שיר השירים ה, 16). 2 און 3. דאָס וואָרט „תאוה" אין במדבר י״א, 4 ווערט אין דעם עט״ח פֿאַרטײַטשט גלוסטונג. 9, 10, 13 און 17 האָבן עס פֿאַרטײַטשט גלוסטיקייט. המגיד (יחזקאל כ, 2); מ״מ (איכה א, 7). דוו״ב גיט אַן דאָס וואָרט ווי מה״ד. ק. —.

111. גלײַכן* — כסום יכסמו את ראשיהם (הפֿטורה אמור, יחזקאל מ״ד, 20) ... גלײַכן זאָלן זיי גלײַכן זייערע האָר פֿון דעם קאָפּ כלומר ... המגיד. 3 און 17 האָבן דאָס וואָרט געהערט, אָבער אַן אַ באַשטימטער שײַכות צום לשון־קודשן עקוויוואַלענט. מיגלעך, אַז דאָ האָט שוין געווירקט דאָס אַמעריקאַניש־ייִדישע וואָרט גלײַכן. די ייִדישע שמועסשפּראַך האָט ניט דאָס וואָרט אין דעם באַטײַט.

112. געבורט (געבירט) — דור (בראשית י״ז, 9). 3, 4, 6—8, 13, 14, 16, 17, 20 און 24. אין אונדזער באַטײַט איז דאָס וואָרט זייער אָפֿט אין מ״מ און המגיד — גיבירט. דוו״ב גיט אַן דאָס וואָרט אין אונדזער באַטײַט (nachkommenschaft) בלויז ווי פּנה״ד.

113. געבײַ — אהרוס (הפֿטורה תולדות, מלאכי א, 4). דער עט״ח אינטערפּאָלירט די ווערטער זייער געבײַ. מ״מ (יחזקאל מ, 5). 3, 4 און 9, 24 און 25 — געבו. המגיד (ישעיה מ״א, 19). דוו״ב IV, 1652 זאָגט, אַז gebäu איז אַן עלטערע בײַפֿאָרעם פֿון gebäude. ק. — מאַקאַבעער א, 13, 27; עזרא 3 (נחמיה) ה, 37.

114. געווינען — ותלד (בראשית כ״א, 2). אַ״אַ, אַחוץ 26. כאָטש 10 האָט אָנגעגעבן דאָס וואָרט, האָט זײַן זון שוין אָנגעגעבן געבוירן, אָבער צו־געגעבן, אַז ער האָט געהערט געווינען אויך. מ״מ (הושע ה, 7); המגיד (ישעיה כ״ד, 17). דוו״ב IV, I, III, 5930 זאָגט, אַז די פֿראַזע ein Kind gewinnen איז איינע פֿון די פּאָפּולערסטע אינעם מה״ד פֿאַרמעלן נוסח, און אַז איר אָנהייב גייט צוריק ביז אין די אַה״ד צײַטן. ק. — ישעיה ל, 24.

115. געוועלטיקער — השליט (בראשית מ״ב, 6). אַ״אַ, אַחוץ 19, 26—30. המגיד (יחזקאל כ״ח, 14); מ״מ (קהלת ז, 21). אין דוו״ב ניטאָ. לעקסער I, 845. ק. —.

116. געוועלטיקייט — שלטון (קהלת ח, 8). אַ״אַ, אַחוץ 1, 2, 5, 11, 12, 15, 19, 21—23, 25—30. המגיד (דניאל ד, 31). דוו״ב IV, 5180 ברענגט דאָס וואָרט gewaltecheit:[51] באַגעגנט זיך בעיקר אין דער טרעבניצער

[51] אין מה״ד ווערן gewaltic און geweltic אָפֿט פֿאַרביטן.

תהלים־איבערזעצונג (14טן י״ה) און שפּעטער נאָר ווו ניט ווו אין 15טן און אין 18טן י״ה. ק. —.

117. געזעל * — רעהו (שמות כ״א, 14). זע אויבן ז׳ 24. 3, 8, 17. דאָס וואָרט איז זייער אָפּט אין מ״מ און אין המגיד.

118. געיעג — ציד (בראשית כ״ז, 33). א״א, אַחוץ 13, 5 — געיעגער, און 27. זע אויבן ז׳ 21. המגיד (יחזקאל י״ב, 13). דוו״ב IV, 2824 ציטירט די ביזלוטערשע ביבלען. ק. — בראשית כ״ז, 33.

119. געלזוכט — ובירקון (דברים כ״ח, 22). מ״מ. 1, 3, 4 און 8. דוו״ב IV, 2888 גיט אָן דאָס וואָרט ווי מה״ד. ג״גל (100). ק. —.

120. געמאַרק — בגבלך (שמות י, 4). מ״מ און המגיד זייער אָפּט. 11 האָט אָנגעגעבן פאַר דעם וואָרט גרענעץ און פאַר „משפּתים״ (בראשית מ״ט, 14) — געמאַרקן. די פאָרעם גמערק איז פאַראַן אין המגיד (איוב ל״ח, 20; יחזקאל כ״ו, 11) און אין מ״מ (יחזקאל כ״ו, 11; צפניה ב, 7 און עובדיה א, 19). דוו״ב IV, I, 3276 ברענגט דאָס וואָרט gemerke, און דעם לעצטן ציטאַט פון דעם 15טן י״ה. ג״גל (101) — gemerk(t). ק. — 50 b 401.

121. געמאַרקן — והגבלת (שמות י״ט, 12). מ״מ. 3, 7 און 8. די פאָרעם גימערקן איז פאַראַן אין המגיד (ישעיה מ״ד, 13). דוו״ב —. לעקסער I, 845. ק. —.

122. געמויזעכץ — באחו (בראשית מ״א, 2); בסוף (שמות ב, 3). 1—8, 11, 12, 14, 16 און 20. מ״מ — גמויזיכט (עמוס ח, 8); המגיד — גימוזיך (ישעיה מ״ב, 15). דוו״ב האָט אַ וואָרט gemoese (IV, 3284). דער לעצטער ציטאַט איז פון 1618.

123. געמיין — העדה (במדבר ט״ז, 16). דאָס וואָרט איז פאַראַן זייער אַ סך מאָל אין חומש און ווערט אין דעם עט״ח ניט פאַרטײַטשט, בלויז אין דעם פּסוק און נאָר אין דער וואַרשעווער אויסגאַבע פון 1862 ווערט עס פאַרטײַטשט. מיגלעך, אַז דאָס וואָרט האָט זיך דאָ אויפגעהיט, ווײַל דאָ גייט וועגן קורחן און זײַן כנופיא, האָט עס די פּאָפּולערע עטימאָלאָגיע פאַרבונדן מיט ׳שלעכט׳. 3 האָט דאָס וואָרט אָנגעגעבן אָן אַ באַשטימטער באַציִונג צום טעקסט. דוו״ב VI, 3169 גיט עס אָן ווי מה״ד. ק. —.

124. געמעכטס — מרוח אשך (ויקרא כ״א, 20). ניטאָ אין דעם עט״ח. 3, 4, 6—8 און 20. דער יידישער שמועסשפּראַך איז עס פרעמד. מ״מ (דברים כ״ה, 11), און אין אַ צאינה וראינה (ווילנע 1878) אין דעם פּסוק. אין נה״ד פאַראַן.

125. געמעל — תבנית (הפטורה ויקרא, ישעיה מ״ד, 13). המגיד. 3, 4 און 7. דוו״ב IV, 3159 זאָגט, אַז עס איז אַן עלטערע בײַפאָרעם פון gemälde. ק. —. ג״גל (101) gemél.

126. גענענען — ויגש (בראשית מ״ד, 18). א״א, אַחוץ 19, 25—30. מ״מ און המגיד (איוב ל״ג, 22). דוו״ב VII, 296, דער לעצטער ציטאַט איז פון 1552. ק. —.

127. געפינונג** — המצאות (הפטורה שלח, יהושוע ב, 23). 17. דער עט״ח און די אַנדערע מקורים וואָס מיר האָבן באַנוצט האָבן דאָס וואָרט ניט. דער ייִדישער שמועסשפּראַך אומבאַקאַנט. אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

128. געצאָלט(ס) — משכרתך (בראשית כ״ט, 15). דאָס וואָרט איז פֿאַראַן אויך אין בראשית ל״א, 7, 14 און אין רות ב, 12 און ווערט פֿאַרטײַטשט לוין. מ״מ און המגיד האָבן אויך לוין. 3 און 7 — געצאָלט, 4 און 8 — געצאָלטס. אין הײַנטיקן ייִדיש באַגעגנט זיך אי געצאָלט אי (זעלטענער) געצאָלטס. דער ווערב „שכר״ ווערט פֿאַרטײַטשט דינגען. די דײַטשע ווערטערביכער ווייסן פֿון אַזאַ וואָרט ניט.

129. געצעלטן (זיך) — ויאהל (בראשית י״ג, 12). 3, 4, 7 און 8. צום סובסטאַנטיוו „אהל״ — געצעלט ווערט געשאַפֿן דער דאָזיקער ווערב. המגיד (ישעיה י״ג, 20). דער ייִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד. אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

130. גערעכט* — כנים (בראשית מ״ב, 19). אין דער שמועסשפּראַך האָט דאָס וואָרט אַ סך אָנגעוווירן פֿון זײַן עטישן ווערט און אָנגענומען אַ יורידישן כאַראַקטער; דער פֿאַרבאַדינג פֿאַר דעם וואָרט אין דער שמועסשפּראַך איז אַ סיכסוך. 3, 8 און 17.

131. גערעכט (סובסטאַנטיוו) — והמשפטים (דברים ו, 1). 3, 7 און 8. מ״מ — גערעכט. זע אויבן ז׳ 21. דוו״ב IV, 360 ברענגט דעם לעצטן ציטאַט פֿון לאַגאַו (געשט׳ 1655). ק. —.

132. גערעכטיקער — וצדיק (שמות כ״ג, 7). 4, 7 און 17 אַן אַ באַשטימטער שײַכות צו אונדזער פּסוק (זע אויבן ז׳ 21). דאָס וואָרט איז ניטאָ אין דער ייִדישער שמועסשפּראַך. המגיד (ישעיה מ״ה, 25) האָט אַ ווערב גירעכטיגן. אין דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

133. געשטאָלט* — ויאמר משה אסרה נא ואראה את המראה... מדוע לא יבער הסנה (שמות ג, 3) משה האָט געזאָגט . . . איך וועל זען דאָס גרויסע געשטאָלט כלומר דעם גרויסן וווּנדער . . . אין מה״ד איז איין באַטײַט פֿון דעם וואָרט gestalt — ׳סיבה׳. צי האָט דאָס אפֿשר אַ קרובֿישאַפֿט מיט אונדזער וואָרט? 3, 8 און 17.

134. געשלעכט* — למשפחותיהם (בראשית ח, 19). דאָס וואָרט באַגעגנט זיך אין חומש אַן אַ שיעור מאָל און בלײַבט אַלץ אומפֿאַרטײַטשט אין דעם עט״ח, בלויז אין אונדזער פּסוק שטייט געשלעכט. דאָס לאָזט זיך אפֿשר דערקלערן מיט דעם וואָס אין אַלע אַנדערע פּסוקים איז דאָס וואָרט שייך צו מענטשלעכע פֿאַמיליעס, אין אונדזער פֿאַל גייט וועגן פֿאַמיליעס פֿון חיות, עופֿות און שרצים, און דעם חילוק אין באַטײַט האָט דער עט״ח אויסגעדריקט אין דעם וואָרט געשלעכט. אין המגיד און מ״מ ווערט דאָס וואָרט באַנוצט אויך פֿאַר מענטשלעכע פֿאַמיליעס. 3 און 17.

135. געשריפֿט(ס) — כמכתב (דברים י, 4). די אויסגאַבעס פֿון וואַרשע 1862, ווילנע תורת אלהים 1898, פּיעטריקאָוו 1893 און יוזעפֿאָוו 1873

האָבן געשריפֿץ; ווילנע מקראות גדולות 1898 — געשריפֿט. מ״מ און המגיד (דניאל ה, 7) — געשריפֿט. 1, 3, 4, 7 און 8 — געשריפֿט; 2, 9 און 20 — געשריפֿטס. דוו״ב ברענגט Geschrift און זאָגט, אַז דאָס וואָרט איז אין דער נה״ד שרײַבשפּראַך מער ניט בנימצא, בלויז אין אייבערדײַטשע דיאַלעקטן הערט מען עס נאָך. ג״גל (104) גיט אָן דאָס וואָרט ווי אייבערדײַטש און זײַן באַטײַט איז ׳ביבל׳. ק. —.

136. גרונטפֿעסטן — ויסדתיך (הפֿטורה ראה, ישעיה נ״ד, 11). אין שמות ט, 18 ווערט דאָס וואָרט „הוסדה״ פֿאַרטײַטשט אין דעם עט״ח — געגרונטפֿעסטיקט. אונדזערע אָביעקטן האָבן פֿאַרטײַטשטביידע פּסוקים אָן דיפֿערענצירונג. 1—4, 7, 8 און 20 — געגרונטפֿעסטיקט. 9—14, 16—18 — געגרונטפֿעסטעט. מ״מ (חבקוק א, 12) און המגיד (ישעיה נ״ד, 11) — גרונדפֿעסטן. דוו״ב IV, I, VI, 807 ציטירט די אַזוי גערופֿענע „ווענצלס־ביבל״ (14טן י״ה) און די ציריכער ביבל (אָנהייב 16טן י״ה), און גיט צו, אַז אין פֿנה״ד באַגעגנט זיך עס נאָך אין אַלעמאַנישע מקורים. דער לעצטער ציטאַט איז פֿון אולריך פֿאָן הוטען (געשט׳ 1523). ק. —.

137. (א) גרימצאָרן — ובחימה (דבֿרים כ״ט, 27). אַ״אַ (זע אויבן ז׳ 23). מ״מ און המגיד (ישעיה ז, 4). דוו״ב I, IV, 6367 ציטירט בערטאָלד אויערבאַך (grimmzornig)[52] און גיט צו, אַז בכלל איז דאָס וואָרט באַגרענעצט צום אַלעמאַנישן שטח.

(ב) גרימצאָרנען** — ויחר אף (דבֿרים כ״ט, 26). 17, ניט בנימצא אין די דײַטשע ווערטערביכער, אין דעם עט״ח און אַנדערע מקורים וואָס מיר האָבן באַנוצט. אויך דער שמועסשפּראַך פֿרעמד.

138. גרינד* — שחין (שמות ט, 9). 2, 3, 17. אויך אין מ״מ און המגיד (ישעיה ל״ח, 21). דער ייִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד. אין נה״ד באַקאַנט (בעיקר דורך לוטערס איבערזעצונג).

139. גריף — העזניה (ויקרא י״א, 13). תּורת אלהים, ווילנע 1898 — גרייף. אין דבֿרים י״ד, 12 ווערט דאָס זעלביקע וואָרט פֿאַרטײַטשט אין אַלע אונדזערע אויסגאַבעס גרייף. מ״מ — גרייף. 3 און 21 — גריף (גרייף האָט קיינער פֿון אונדזערע אָביעקטן ניט געהערט). אויך אָפּאָטאָשו. דוו״ב —. לעקסער I, 1082. ק. —.

140. דוימאייל — בזרת (הפֿטורה ואתחנן, ישעיה מ, 12). המגיד. 1, 3, 7, 20 און 21. דוו״ב —. לעקסער I, 475 האָט אַ וואָרט dûm elle. ק. — מלכים ג (א), ו, 17, 20, 23 א״וו. 17 האָט אָנגעגעבן גאָדל, צי איז עס אפֿשר דאָס לשון־קודשע „אגודל״?

141. דיך — ירך. אַ״אַ, אַחוץ 11, 12, 15, 23, 19, 27 און 29. 17 —

[52] עס איז אַ סבֿרא, אַז די ייִדישע טײַטשפּראַך האָט געהאַט אַ השפּעה אויף אויערבאַכן. אויערבאַך האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע ייִדישע דערציִונג אינעם הויז פֿון זײַן פֿאָטער, דעם רבֿ פֿון דער געגנט.

דיכט, אַזוי אויך אין המגיד (ירמיה ל״א, 19). אַדעלונג אין זײַן דײַטשן ווער־
טערבוך (1774) גיט אָן, אַז דאָס וואָרט איז שוין אין הויכדײַטש אומבאַקאַנט.[53]
ק. — עמוס ג, 12.

142. דינען ('דין מאַכן') — אדקם (שמואל ב כ״ב, 43, הפטורה האזינו). 3; זע אויבן נ' 63. המגיד און מ״מ (יחזקאל ו, 11). דוו״ב וו, 1555, דער לעצטער ציטאַט איז פֿון 1482. ק. —.

143. דערבאַרעמהאַרציקייט — רחמיו (איכה ג, 22). מ״מ (דברים ג, 24). אין בראשית מ״ג, 14, מ״ד, 30 ווערט דאָס וואָרט פֿאַר־טײַטשט דערבאַרעמקייט אין דעם עט״ח.. דוו״ב גיט אָן דאָס וואָרט ווי מה״ד erbarmherzekeit. ק. —.

144. דערברייטן — ירחיב (דברים י״ט, 8). 3, 7, 8 און 17. די אויסגאַבעס פֿון וואַרשע 1862, און פּיעטריקאָוו 1893 — דערברייטן. די אויס־גאַבע פֿון יוזעפֿאָוו 1873 און מקראות גדולות, ווילנע 1898 — דערברייטערן. תורת אלהים, ווילנע 1898 — פֿאַרברייטערן. אין דברים י״ב, 20 ווערט עס פֿאַר־טײַטשט אין אַלע אויבן דערמאָנטע אויסגאַבעס — דערברייטערן. אין שמות ל״ד, 24 האָט די וואַרשעווער אויסגאַבע 1862 — דערווײַטערן, מקראות גדולות, ווילנע 1898 — דערברייטערן, פֿון די אַנדערע אויסגאַבעס פֿעלט אונדז שמות, אָדער דאָס שייכדיקע זײַטל. מ״מ דורכויס דערווײַטערן. דוו״ב ברענגט אַ וואָרט erbreiten ווי מה״ד. ק. —.

145. דערברייטעניש — למרחב (הפטורה האזינו, שמואל ב כ״ב, 20). אַ״אַ, אַחוץ 1, 5, 11, 12, 15, 19, 21—30. ניטאָ אין דער ייִדישער שמועסשפּראַך. אַ קויזאַטיווער אַבסטראַקטער סובסטאַנטיוו צום שורש „רחב״. יהואָש — דערברייטערניש. 2 און 9 זײַנען געווען מסופק, צי דאָס וואָרט איז מיט אָדער אָן אַ ר. די דײַטשע ווערטערביכער האָבן דאָס ניט.

146. דערווײַטערונג — הרוחה (שמות ח, 11). אַ״אַ, אַחוץ 1, 2, 5, 9, 11, 12, 15, 19, 21, 23, 26—30. מ״מ און המגיד (יחזקאל ז, 20). ק. — weiterung.

147. דערלאַנגער — פורש (איכה ד, 4). 3, 4 און 17. אין דער ייִדישער שמועסשפּראַך איז דאָס וואָרט אומבאַקאַנט. דער ווערב „פרש״ ווערט פֿאַרטײַטשט אויסשפּרייטן אָדער ברעכן. אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

148. דערלענגערן — יאריכון (שמות כ, 12). 2—4, 7, 8, 20 און 21. יהואָש — לענגערן. דוו״ב גיט אָן erlängern ווי פֿנה״ד. ק. —.

149. דערמייען — ונשמחה (שיר השירים א, 4), מתהלך (בראשית ג, 8; ו, 9; כ״ד, 40; א׳אַנד). מ״מ און המגיד (ישעיה י״א, 8). דוו״ב ווו, 911 — ermeien; דער לעצטער ציטאַט איז פֿון 1567. ק. —.

150. דערנערן — ונחיה זרע מאבינו (בראשית י״ט, 32) מיר וועלן דערנערן פֿון אונדזער פֿאָטער קינדער. אַזוי אויך אין קרעמאָנער חומש 1560.

[53] לויט באַהדער ז' 79.

3, 8 און 12. אין המגיד און מ״מ (יחזקאל ג, 18) ווערט „ולא דברת להזהיר רשע מדרכו הרשעה לחיותו״ פאַרטײַטשט אַזוי: צו וואָרנען דען רשע פון זיין ביזן וועג צו דר נערן אים כלומר דז ער דר דורך לעבט... דוו״ב ווו, 919. ק. —.

151. דערשלאָגונג — הרג (הפטורה שמות). 3, 7, 8, 14 און 17. המגיד (ישעיה כ״ז, 7), מ״מ (יחזקאל כ״ו, 16).

152. דערשרעקעניש — בהלה (ויקרא כ״ו, 16). 3, 7, 14 און 17. מ״מ (יחזקאל כ״ז, 36), המגיד (איוב ו, 4). דוו״ב erschrecknisz, לעצטער ציטאַט פון גונטער (געשט׳ 1723). ק. — משלי ג, 25.

153. דערשרעקער — מחריד (ויקרא כ״ו, 6). 2—4, 7, 8, 13, 14, 16, 17, 20 און 24. מ״מ (איכה ב, 22), המגיד (ירמיה מ״ו, 27). דוו״ב erschrecker ווי פנה״ד.

154. דערצערנער — מנאציך (הפטורה תבוא, ישעיה ס, 14). המגיד. אין במדבר י״ד, 23 האָט דער עט״ח — די וואָס דערצערנען, אין דעם פסוק האָבן 2, 3, 7 און 17 פאַרטײַטשט דערצערנער. דער יידישער שמועסשפּראַך פרעמד. דער ווערב „נאץ״ (במדבר י״ד, 11) ווערט פאַרטײַטשט דערצערנען, און צו אים ווערט געשאַפן אַ מאָווירטער סובסטאַנטיוו. אין די דײַטשע ווערטערביכער ניט בנימצא.

155. דערקענען* — משכב זכר (במדבר ל״א, 18) אַז אַ מענטש זאל זיך מיט איר ערקענען... אַן אייפעמיזם פאַר ׳האָבן סעקסועלע באַציִונגען׳. קיין שום באַשטעטיקונג פון אונדזערע אָביעקטן פאַר דעם פסוק. די פראַזע „ידע את אשתו״, אין דעם עט״ח — זיך באַהאַפטן, איז פאַרטײַטשט געוואָרן דערקענען פון 3, 8 און 17. דאָס וואָרט איז זייער אַפט אין דער לוטערשער ביבל.

156. דרום* — למען (דברים י״א, 21). 2, 3, 8, 17 און 31, זע אויבן ז׳ 18.

157. דריטן — ושלשת (דברים י״ט, 3). 3, 7 און 17. דאָס וואָרט איז דער יידישער שמועסשפּראַך אומבאַקאַנט. מ״מ — דריט טײלן. אין נה״ד פאַראַן.

158. האַלב* — אחותי בת אבי היא (בראשית כ, 12) זי איז מײַן שוועסטער פון פאָטער האַלב. קיין שום באַשטעטיקונג פון אונדזערע אָביעקטן. דאָס וואָרט איז פרעמד דער יידישער שמועסשפּראַך. פאַראַן אין נה״ד.

159. האַלבטײלן** — וחצית (במדבר ל״א, 27). 17. דאָס וואָרט איז ניט בנימצא אין די עט״ח און אין די אַנדערע מקורים וואָס מיר האָבן באַנוצט. אין דער יידישער שמועסשפּראַך אומבאַקאַנט. אין מ״מ (דברים י״ט, 3) באַ־געגנט זיך אַ וואָרט דריט טײלן און אין מ״מ און המגיד (יחזקאל מ״ה, 13) — און איר זאלט זעקש טײלן. דוו״ב גיט אָן דאָס וואָרט ווי מה״ד.

160. האָפונג — שבר (בראשית מ״ב, 1). געוויינטלעך פאַרטײַטשט קאָרן, נאָר דאָ אינטערפּאַלירט... רשי שרײַבט שבר איז טײַטש האָפונג...

אין דער הפטורה במדבר, הושע ב, 17 „תקוה — האפונג". מ"מ און המגיד (ישעיה כ"ח, 13). 7. דור"ב ברענגט דאָס וואָרט ווי מה"ד. ק. —.

161. האָפּיך — הפרס (ויקרא י"א, 13). תורת אלהים, ווילנע 1898, האבוך. אין דברים י"ד, 12 האָבן די אויסגאַבעס פון וואַרשע 1862 און פּיעט־ריקאָוו 1893 — האָפּיכט; ביידע אויסגאַבעס פון ווילנע 1898 און די אויסגאַבע פון יוזעפאָוו 1873 — האָביכט. מ"מ — האָפּיך (עס איז שווער צו באַשטימען, צי עס איז האָפּיך אָדער האַפּיך, ווײַל די אויסגאַבע דיפערענצירט ניט צווישן אַ און אָ). 3 — האָפּיך. אַפּאַטאַשו — האָפּיכט. דור"ב IV, II, 91 — habich, דער לעצטער ציטאַט פון ריסט (געשט' 1667). ק. — ויקרא י"א, 16.

162. האָפּערדיק* — וירם לבבו (הפטורה פון ויצא, הושע י"ג, 6). דברים ח, 14 — דערהויבן ווערן. 2 האָט אין דעם פּסוק געטײַטשט האָפּערדיק. המגיד (ישעיה ב, 11), מ"מ (צפניה ג, י"א). דאָס וואָרט איז זייער אָפט אין דער לוטערשער ביבל (תהלים צ"ד, 2 א"אנד), און אין ק. — hoffertig — (124) ג"גל .hochfertig — hoffertig.

163. האַרב[ע]ריג — במלון (בראשית מ"ב, 27), 3, 4, 7—9, 14, 20, 24, 29 און 30. מ"מ — הערבריג (חבקוק ג, 11), און המגיד (ישעיה ס"ג, 15). ג"גל (120) — herb(e)rig.

164. האַרב[ע]ריקן — יזבלני (בראשית ל, 20). 7 און 8. ג"גל (120) — herbrigen. ק. —.

165. האַרטיקלעכן — בקרי (ויקרא כ"ו, 24). תורת אלהים, ווילנע 1898 — מיט האַרטיגליך; 1, 4, 7 און 21 — האַרטיקלעך; 11 — מיט האַרטאַקן; 3 — האַרטיקלעכן. המגיד (ישעיה כ"ח, 29) — הרטיגליך. דור"ב IV, II, 513 — haertiglich. ק. — בראשית ל"א, 29 — herteclich.

166. האַרטנעקונג** — ערפך הקשה (דברים ל"א, 27). 17. דאָס וואָרט איז ניטאָ אין דעם עט"ח און אין די אַנדערע מקורים וואָס מיר האָבן באַנוצט. אויך דער שמועסשפּראַך אומבאַקאַנט. ניטאָ אין די דײַטשע ווערטערביכער.

167. הויב* — מצנפת (שמות כ"ח, 37). 3. מ"מ און המגיד (יחזקאל ט"ז, 10). פרעמד דער יידישער שמועסשפּראַך. גוט באַקאַנט אין מאָדערנעם דײַטש. אָפט בײַ לוטערן.

168. הויערן — רובצים (בראשית כ"ט, 2). א"א, אַחוץ 19, 25—27. מ"מ און המגיד (ירמיה י, 17). דור"ב II, IV, 582 זאָגט, אַז דאָס וואָרט איז אַלט־אַלעמאַניש, בײַעריש און דרום־פראַנקיש, איצטער אַרויסגעשטופּט דורך kauern. ק. —.

169. הייפּטהאַרן* — הנשיאים (שמות ל"ה, 27). אין אַלע אַנדערע ערטער בלײַבט דאָס וואָרט אומפאַרטײַטשט אין עט"ח. דער יידישער שמועס־שפּראַך פרעמד. מ"מ (חבקוק ג, 14) הייבט הערן. דור"ב גיט אָן דאָס וואָרט haupther ווי מה"ד און פנה"ד.

170. הייפּטצאָלן* — לגלגלותם (במדבר א, 18). 3. דער יידי־שער שמועסשפּראַך פרעמד. אין מאָדערנעם דײַטש באַקאַנט.

171. הע לב לי נ ג — גרה (במדבר ג, 47). אין שמות ל, 13 און ויקרא כ״ז, 25 בלײַבט דאָס וואָרט אומפֿאַרטײַטשט אין עט״ח. בלויז אין במדבר י״ח, 16 און אין אונדזער פּסוק — העלבלינג. 3 און 4. 7 — האַלבן און אויך אפשר געהערט העלבלינג. 11 און 17 — פֿינפֿפֿערלעך. דוו״ב IV, II, 930. ג״גל (119) helb(e)ling. ק. — שמות ל, 13.

172. הע ק ל — קרסי (שמות כ״ו, 6). אַ״אַ, אַחוץ 1, 2, 5, 11, 12, 15, 19, 21—23, 25—30. המגיד (ישעיה ג, 23). דוו״ב —. לעקסער I, 1201. ק. —.

173. הע ר ו נ ג — שמע (בראשית כ״ט, 13). אַ״אַ, אַחוץ 5, 23 און 27. המגיד (ישעיה ס״ו, 19) און מ״מ (חבקוק ג, 2). דוו״ב גיט אָן דעם לעצטן ציטאַט פֿון גרימעלסהויזען (געשט׳ 1676). ק. — נחום ג, 19; חבקוק ג, 2.

174. הע ר ש אַ פֿ ט — צבא (שמות ז, 4). אַ״אַ. 17 האָט אָנגעגעבן, אַז אין די העברעע כּיתּות האָט מען געטײַטשט אַרמיי. דוו״ב —. לעקסער I, 1261. ק. — קאָלאָסער א, 16, 18.

175. הע ר ט* — כירים (ויקרא י״א, 35). קיין שום באַשטעטיקונג פֿון אונדזערע אָביעקטן. דער יידישער שמועסשפּראַך איז עס פֿרעמד. מ״מ (זכריה י״ב, 6). אין נה״ד באַקאַנט. באַגעגנט זיך עטלעכע מאָל אין לוטערס איבערזעצונג.

176. הע ר ש ו נ ג — משחת (ויקרא ז, 35). קיין שום באַשטעטיקונג פֿון אונדזערע אָביעקטן פֿאַר דעם פּסוק. אין קהלת ח, 8 ווערט שלטון פֿאַרטײַטשט אין עט״ח — געוועלטיקייט, אָבער 1, 2 און 12 האָבן עס פֿאַרטײַטשט הערשונג. זע אויבן ז׳ 23.

177. וו אַ ל ן ־ מ אַ כ ע ר — הסוללות (הפֿטורה בהר, ירמיה ל״ב, 24). תּורת אלהים, ווילנע 1898 — שאַנץ קערב. קיין שום באַשטעטיקונג פֿאַר קיין איינעם פֿון די ווערטער. 3 האָט געהערט וואַלן־מאַכער, אָבער איז וועגן דעם ניט זיכער. די יידישע שמועסשפּראַך קען ניט דאָס וואָרט וואַלן־מאַכער. המגיד — שאַנץ קערב. אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

178. וו אַ ל ק ע נ ע ן — בעננִי (בראשית ט, 14). 1—4, 7—9, 13, 14, 16—18, 20 און 24. 11 — אָנוואָלקענען. יהואש — וואָלקענען. מ״מ (איכה ב, 1) — בוואָלקט. דוו״ב — דער טייל נאָך ניט אַרויס פֿון דרוק. לעקסער III, 970 ציטירט די אַלטע געגנזים (12טן—13טן י״ה) כ״ח, 8. swenne iz . . . wolchenōte . . . " ק.—.

179. וו אַ ק ס ו נ ג — פרע (הפֿטורה אמור, יחזקאל מ״ד, 20; במדבר ו, 5). המגיד — האר וואַקסונג. מקראות גדולות, ווילנע 1898 — פֿאַרוואַקסונג. 4, 7, 14, 16, 17 און 24. אויך אין ק.

180. וו אַ ר ע נ ע ן — שיר השירים ו, 12. אין עט״ח ווערט דאָ אינטערפּאָלירט אַן אָרט פֿון רשי „לא ידעתי להזהר" — איך ווייס מיך ניט צו וואָרענען. קיין שום באַשטעטיקונג פֿון אונדזערע אָביעקטן. לעקסער ברענגט פֿאַר דעם

וואָרט אַ באַטײַט 'זיך אויסהיטן'. ג"גל (223) 'verhüten' — warnen. ק. —.

181. וואָרפֿן — יירה (שמות י"ט, 13). 2—4, 7—9, 20 און 21. דוו"ב דער טייל נאָך ניט אַרויס. אין מה"ד האָט דאָס וואָרט אויך אַ באַטײַט 'שיסן'. ק. —.

182. ווידמונג — שרץ (בראשית א, 20); רמש (בראשית א, 24); שרץ — ווידמענונג (בראשית ז, 21); רמש — ווידמענונג (בראשית א, 26). אַ"אַ, אַחוץ 19, 26—30. אַפֿילו מיר זאָלן אָננעמען גרינבוימס השערה (ז' 84), אַז ווידמען איז אַ בײַפֿאָרעם פֿון bidmen, איז ווידמונג, ווידמענונג אַ ייִדישע שאַפֿונג. אַזעלכע פֿאָרמען ווי Bidmung אָדער Bidmenung זײַנען אין דײַטש ניטאָ. מ"מ און המגיד (יחזקאל ל"ח, 20).

183. ווידמען — ישרצו (בראשית א, 20). אַ"אַ, אַחוץ 19, 26—30. מ"מ (יחזקאל מ"ז, 9).

184. ווידערשפּעניקער — ממרים (שמות כ"ג, 21). אַ"אַ, אַחוץ 19, 23, 24, 26 און 27. מ"מ און המגיד (יחזקאל ב, 2). דוו"ב — דער טייל נאָך ניט אַרויס. לעקסער III, 857. ק. — בראשית מ"ט, 7; במדבר י"ז, 10.

185. וויזעלע — החלד (ויקרא י"א, 29). 3. אַפּאַטאַשו — וויזל. דוו"ב — דער טייל נאָך ניט אַרויס. לעקסער III, 940. ק. —.

186. וויטפֿרוי* — כאלמנה (איכה א, 1). אַלע אַנדערע פּסוקים לאָזן דאָס וואָרט אומפֿאַרטײַטשט אין עט"ח. 3. 8 האָט אַנגעגעבן, אַז פֿון איין מלמד, אַ וואָרשעווער, האָט ער געהערט וויטווע. דער ייִדישער שמועסשפּראַך אומבאַקאַנט; מ"מ און המגיד (ישעיה נ"ד, 3). אין מאָדערנעם דײַטש נאָך באַוווּסט ווי אַ פֿאַרעלטערט וואָרט.

187. ווײַב — וראית בשביה אשת יפת תאר (דברים כ"א, 11) ...און דו ווּעסט זען אין דער געפֿענקעניש אַ ווײַב... אין דער ייִדישער שמועסשפּראַך האָט דאָס וואָרט אָנגענומען אַ מאָדיפֿיצירטן באַטײַט — 'חתונה־געהאַטע פֿרוי'. 3 און 17. אין המגיד און מ"מ איז דער חילוק צווישן פֿרוי און ווײַב, דוכט זיך, שוין שטרענג דורכגעפֿירט.

188. ווײַדונג — מרעה (איכה א, 6). 7 און 29. המגיד און מ"מ (יחזקאל ל"ד, 18). אויך אין ק.

189. ווײַזזאָגונג — חזון (איכה ב, 9). 19, 27 און 30. מ"מ און המגיד (יחזקאל י"ב, 24). ק. האָט ניט די קאָמבינאַציע, בלויז Sagung; אָבער Weissagung איז זייער אָפֿט בײַ לוטערן.

190. ווײַזזאָגן* — חזו (איכה ב, 14). 3. דער ייִדישער שמועס־שפּראַך אומבאַקאַנט. מ"מ און המגיד (יחזקאל י"ג, 6). דאָס וואָרט איז באַ־קאַנט דער מאָדערנער דײַטשער שפּראַך דער עיקר דורך לוטערס איבערזעצונג, ווו עס איז זייער אָפֿט, אויך אין ק.

191. ווייטאָגן — (ווערב) — תחוללכם (הפֿטורה עקב, ישעיה נ"א, 2) ...שׂרה וואָס האָט אײַך געווייטאָגט... 2 און 3. דוו"ב ברענגט דאָס וואָרט

ווי מה״ד. דער סובסטאַנטיוו wetag איז אין מאָדערנעם דײַטש ניטאָ, באַגעגנט זיך נאָך אָפּט אין ק. (עמוס ד, 6).

192. ווײליקלעך — כתרצה (שיר השירים ו, 4). רשי דערקלערט דעם פּסוק „כתרצה . . . כשאת רצויה לי״, וואָס דאָס ווערט איבערגעגעבן אין עט״ח ...אַז דו מיר ווײליקלעך ביסט... 2, 3 און 7. מ״מ (דברים ל״ג, 11). דוו״ב ברענגט דאָס וואָרט ווי פּנה״ד. ק. — דברים י״ב, 17.

193. ווינטשופלען — זורה (רות ג, 2). אויך אין יהואַש. 3, 4, 7, 11, 12 און 17. המגיד אין דעם אָרט ווינד שויבל. דוו״ב —. לעקסער ברענגט אַ וואָרט schūfeln. ק. — ירמיה ט״ו, 7. אין די אויסגאַבעס 1475—1518 שטייט wintschaufel. ג״גל (231) windschaufel.

194. ווינציקן — ימעיט (שמות ל, 15). 2 און 7. דאָס וואָרט איז דער ייִדישער שמועסשפּראַך פרעמד. אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

195. וויסטנהייט — הישימן (במדבר כ״א, 20). בלויז די אויסגאַבע וואַרשע 1862. 7 און 12. דוו״ב דער טייל נאָך ניט אַרויס. לעקסער III, 983. ק. —.

196. וויסטעניי — הישימן (במדבר כ״א, 20). די ווילנער אויס־גאַבעס תורת אלהים און מקראות גדולות. מ״מ — וואושטנייא; המגיד (ישעיה מ״ב, 11) — וויסטנייא. 3 און 21. לעקסער III, 984 — wüstenīe. ק. —.

197. וויסיקלעך — לפני (שיר השירים ח, 12). רשי מאַכט: ...לא נכחד ממני, וואָס דאָס ווערט איבערגעגעבן אין עט״ח ...פאַר מיר איז אַלץ וויסיקלעך... פון דער אינטערפּאָלאַציע האָט קיין איינער פון די אָביעקטן ניט געוווּסט. 3 האָט דאָס וואָרט געהערט, אָבער ניט געדענקט די שײַכות צום לשון־קודשן עקוויוואַלענט. ער האָט אילוסטרירט: „׳גלוי וידוע׳ וואָלט מען פאַרטײַטשט וויסיקלעך״. מ״מ (חבקוק ב, 2) און המגיד (ישעיה י״ב, 5). דוו״ב ברענגט דאָס וואָרט ווי פּנה״ד. ק. —.

198. ווייען — והדוה (ויקרא ט״ו, 33) ...און די ווייענדיקע... 1—4 און 21. מ״מ (קהלת ב, 23), המגיד (ישעיה כ״ו, 17). דוו״ב XIV, I, 96 גיט אָן דאָס וואָרט ווי דיאַלעקטיש אין אַ טייל דײַטשע געגנטן, אָבער ניט בנימצא אין הויכדײַטש. ק. —.

199. וועלגערן — להתגולל עלינו (בראשית מ״ג, 18) צו וועלגערן אויף אונדז... א״אַ אַחוץ 4, 5, 11, 12, 19, 23, 25—30. ק. — ישעיה ל״ח, 12, אין די אויסגאַבעס פון 1487, 1507 און 1518. אין באַטײַט ׳אַרויפוואַרפן די שולד׳ איז דאָס וואָרט נאָר מה״ד, ווי דוו״ב XIII, 1232 ווײַזט.

200. ווייניקן — תמעיט (במדבר כ״ו, 24). 3 און 4. 17 — ווייני־קערן. ג״גל (227) — wenigern. דוו״ב — דער טייל נאָך ניט אַרויס. ק. —.

201. זאָג * (סובסט׳) — נאם (במדבר כ״ד, 3). 3, 8, 17. דער ייִדי־שער שמועסשפּראַך כמעט פרעמד. מ״מ און המגיד (יחזקאל ח, 18). אין באַטײַט ׳רייד׳ איז דאָס וואָרט בלויז מה״ד און פּנה״ד (ג״גל 182). ק. —.

202. זאַגערס — אנשי (רכיל) (הפֿטורה קדושים, יחזקאל כ״ב, 9). אין דער שמועסשפּראַך האָט דאָס וואָרט אָנגענומען אַ מאָדיפֿיצירטן באַטײַט: 'מגיד'; זאַגערין — 'אַ פֿרוי וואָס לייענט אָפֿיר די תּפֿילות פֿאַר די פֿרויען וואָס קענען ניט קיין עבֿרי'. המגיד (ירמיה נ״א, 31). 2, 9 און 17. דוו״ב ברענגט דאָס וואָרט ווי מה״ד. ק. —.

203. זאַקרויב — שׂלל (בראשית מ״ט, 27). א״אַ אַחוץ 15, 19, 23, 25, 26—30. מ״מ (זכריה ב, 13) און המגיד (ישעיה ט, 2). דוו״ב VIII, 1626 פֿאַררופֿט זיך אויף לעקסערן. ק. —.

204. זונדער* — מלבד (במדבר כ״ח, 23). 8. בלויז אין דער אויסגאַבע פֿון וואַרשע 1862. דאָס וואָרט איז דער ייִדישער שמועסשפּראַך אומבאַקאַנט, זי ניצט אַנשטאָט דעם אַחוץ. דאָס וואָרט איז זייער אָפֿט אין מ״מ און המגיד. אויך אין ק.

205. זידונג — סיר נפוח אני רואה ופניו מפני צפונה (הפֿטורה מטות, ירמיה א, 13) אַ זודיקן טאָפּ זע איך און זיין זידונג איז פֿון צפֿון ... די וואַרשעווער אויסגאַבע 1862 האָט זוד, אַזוי אויך המגיד. קיין שום באַשטעטיקונג פֿון אונדזערע אָביעקטן. דוו״ב ברענגט דאָס וואָרט ווי פֿנה״ד. ק. —.

206. זייונג — הזרע (דבֿרים כ״ב, 9). 3 און 17; זע אויבן ז' 19. דער ייִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד. מ״מ (הושע א, 5). ביטאַ אין די דײַטשע ווערטערביכער.

207. זייגקינד — הינק (במדבר י״א, 12). 7, 17 און 20. דוו״ב ברענגט דאָס וואָרט säugekind ווי מה״ד. ק. —.

208. זיכערלעכן — לבטח. (הפֿטורה במדבר, הושע ב, 20), ויקרא כ״ו, 5 — זיכער אין דער אויסגאַבע מקראות גדולות, ווילנע 1898. 3, 4 און 7. מ״מ און המגיד (יחזקאל ל״ט, 26). דוו״ב —. לעקסער II, 903. ק. — 2c13.

209. זיצער* — יושב (בראשית י״ט, 25). 2, 3, 8, 17 און 31. אין דער שמועסשפּראַך האָט דאָס וואָרט אַ באַגרענעצטן באַטײַט: 'מאַרקקרעמער וועלכער זיצט בײַ אַ טיש סחורה'. זייער אָפֿט אין מ״מ און המגיד.

210. זעונג — מראה (דבֿרים כ״ח, 67). 1—3, 7, 8, 12, 17, 20 און 21; זע אויבן ז' 22. דוו״ב X, I, 166 זאָגט, אַז דאָס וואָרט ווערט ניט באַנוצט. ק. —.

211. זעלבערט — שיר השירים ה, 7, ווו דער עט״ח אינטערפּאָלירט פֿון רש״י ... די מלאכי השרת זעלבערט האָבן עס פֿאַרברענט ... 3 און 7. דאָס וואָרט איז זייער אָפֿט אין מ״מ און המגיד. דוו״ב X, I, 434 ברענגט דעם לעצטן דײַטשן ציטאָט פֿון 1575. שמעלער II, 263 זאָגט, אַז דאָס וואָרט איז נאָך בערך מיט הונדערט יאָר צוריק געווען באַקאַנט אין פֿראַנקען. ק. — קאַרינטער II, י״א, 9.

212. זעמלמעל — סלת (ויקרא ב, 5). אַ״אַ. מ״מ און המגיד (יחזקאל ט״ז, 13). אין דער שמועסשפּראַך זײַנען פֿאַר דעם וואָרט געבראַכט געוואָרן די ווערטער: נולער, פֿיר־אולער, קרופּטשאַטקע און לוקס. דוו״ב X, I, 564

ברענגט דעם לעצטן ציטאַט אויס לוטערס ביבל, ווו דאָס וואָרט איז זייער אָפֿט. ק. — ויקרא ב, 5.

213. טאָוולען* — לוחות (שמות כ״ז, 8) טאָוולען כלומר ברעטער. אין דער שמועסשפּראַך באַטײַט דאָס וואָרט ׳אַ מין קאַרטאָנירט פּאַפּיר׳. 2, 3, 8, 17 און 31. זייער אָפֿט אין מ״מ און המגיד; אויך אין ק. און אין דער לוטער־שער איבערזעצונג.

214. טוונג** — עבודה. 17. דאָס וואָרט איז ניטאָ אין עט״ח און אין די אַנדערע מקורים וואָס מיר האָבן באַנוצט, אויך דער ייִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד. אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

215. טײַוולסקויט — וחלבנה. 3. די דײַטשע ווערטערביכער האָבן דאָס וואָרט ניט.

216. טייטן* — להמית (בראשית א, 25). דאָס וואָרט איז דער ייִדי־שער שמועסשפּראַך פֿרעמד; 2, 3, 8 און 17. די ייִדישע שמועסשפּראַך באַנוצט זיך מיט דעם סינאָנים פֿון לשון־קודשן אָפּשטאַם הרגענען. פֿאַראַן אין מאָדער־נעם דײַטש.

217, טינקל — והכסמת (שמות ט, 32), דער עט״ח האָט טונקעלע ווייץ, יהואַש — טונקלווייץ. 9 און 14 — טינקל. המגיד (ישעיה כ״ח, 25). דוו״ב — דער טייל נאָך ניט אַרויס. ק. — שמות ט, 32.

218. טירקאָס — לשם (שמות כ״ח, 19). 3 און 7. אַזוי אויך אָפּאַ־טאַשו. דוו״ב — דער טייל נאָך ניט אַרויס. לעקסער וו, 1581. ק. —.

219. טענער — כף (בראשית ל״ב, 26). 3, 4, 6 און 7. מ״מ און המגיד (יחזקאל כ״ט, 7). דוו״ב —. לעקסער וו, 1423. ק. — שופטים ח, 6.

220. טעסט* — מכור הברזל (דברים ד, 20) פֿון דער אײַזערנער טעסט דאָס איז אַזוי אַ כלי וואָס מען שמעלצט . . . דרינען גאָלד . . . די ייִדישע שמועס־שפּראַך ווייס דערפֿון ניט. קיין שום באַשטעטיקונג פֿון אונדזערע אָביעקטן. מ״מ, און זייער אָפֿט אין המגיד (ישעיה מ״ח, 10 א״אַנד). דאָס וואָרט איז פֿאַראַן אין דעם מאָדערנעם טעכנישן דײַטש.

221. טערקלטויב — תור (בראשית ט״ו, 9). א״אַ אַחוץ 10, 15, 17—19, 23, 25—27. המגיד (ירמיה ח, 7). דוו״ב — דער טייל נאָך ניט אַרויס. שמעלער ו, 621 ציטירט דאָס וואָרט פֿון אַ וואָקאַבולאַר פֿון 1432. פֿויל־גיראַך (ז׳ 69) זאָגן, אַז „די קלאַנגגרופּעס dl, tl וועלכע זײַנען אויפֿגעקומען צוליב דעם אַרויספֿאַלן פֿון אַן e ווערן אין דער פֿאָלקסשפּראַך פֿאַרביטן דורך gl, kl... אין דער שריפֿט באַגעגענען זיך אַזעלכע פֿאָרמען ספּעציעל בײַ לײַוועטער און נעמען "tuertel — tuerkeltūbe..." ק. —.

222. טראָגונג** — משא (במדבר ד, 15). 2 און 17. דאָס וואָרט איז ניטאָ אין די דײַטשע ווערטערביכער און אין עט״ח. אין המגיד (ישעיה ט״ז, 6) — אין אַן אָרט ווו רשי האָט דאָס וואָרט „הריון״. אויך ניט אין דער ייִדישער שמועסשפּראַך.

223. טראָגן (סובסט׳) — הריון (רות ד, 13). 3, 4, 17 און 20. דוו״ב האָט ניט דאָס וואָרט ווי אַ סובסטאַנטיוו אין דעם באַטײַט. לעקסער ברענגט די פֿראַזע ze einem tragene אין אונדזער באַטײַט. ק. —.

224. טרֿאָגער — הורי (בראשית מ״ט, 26). 3. המגיד (ירמיה ד, 31) — טראגירן. דוו״ב ברענגט אַ וואָרט trager און באַצייכנט עס נאָר ווי דיאַלעקטיש. ק. — יאַקאָבוס ד, 12.

225. טראָך — תאנתה (הפֿטורה מסעי, ירמיה ב, 24). די וואַרשעווער אויסגאַבע 1862 — טראָך. די ווילנער אויסגאַבעס — טראַכטקייט און טראַכט. מ״מ און המגיד — טראַכט און טראָך. 3, 4, 7 און 21. דוו״ב —. לעקסער וו, 1486. ק. — שמות ז, 12.

226. טראַכט — רחם (שמות י״ג, 2). אַ״אַ אַחוץ 1 2, 15, 19, 23—30. 17 — ערטראַכט. מ״מ און המגיד (ישעיה ס״ו, 9). דוו״ב וX, ו, ו, 984 ציטירט ד. מילשטעטער גענעזיס (14טן י״ה). דוו״ב זאָגט ווײַטער, אַז הײַנט איז דאָס וואָרט נאָר דיאַלעקטיש, און בלויז אין דער נידעריקער שפּראַך ווערט דאָס וואָרט באַנוצט בנוגע צו פֿרויען; ס׳ווערט ציטירט דערפֿאַר קאַמפּעס ווערטערבוך פֿון 1807.

227. טראַכטונג — מחשבותם (איכה ג, 61). 4 און 17. אויך אין ק. זע אויבן ז׳ 23.

228. טריאַק — נכאת (בראשית מ״ג, 11). 2, 3 און 8. המגיד (ירמיה נ״א, 8). דוו״ב —. לעקסער וו, 1508; שמעלער ו, 639. ק. —.

229. טרײַברויב — מלקוח (במדבר ל״א, 11). 1, 3, 4, 6—8, 20 און 21. דאָס וואָרט איז ניטאָ אין די דײַטשע ווערטערביכער. זע אויבן ז׳ 20.

230. טרינען** — תזל (דבֿרים ל״ב, 2). 17. דער עט״ח און די אַנדערע מקורים וואָס מיר האָבן באַנוצט האָט דאָס וואָרט ניט. עס איז דעריבער מיגלעך, אַז עס איז אַ קאָרופּציע פֿון רינען, הגם אין מה״ד איז פֿאַראַן אַ וואָרט trinnen מיטן באַטײַט ׳לויפֿן, זיך אָפּשיידן׳.

231. טריס — ושפוני טמוני חול (דבֿרים ל״ג, 19). טמוני מיינט מען טרית דאָס איז אויך זייער אַ טײַער פֿיש. דער שׂפֿתי חכמים באַשטעטיקט דעם טײַטש און גיט אָן מער דעטאַלן: „טרית מן דג הוא ושמו טונינו״. אָבער שוין דער תּרגום אונקלוס פֿאַרטײַטשט דאָס וואָרט „סימא״ — אַן אוצר, און יונתן בן עוזיאל — „גניזיא״. יאַסטראָוו אין זײַן ווערטערבוך פֿון די תּרגומים דערקלערט דאָס וואָרט: ׳stored things׳. 3, 4, 6 און 7 האָבן געהערט דאָס וואָרט אין באַטײַט פֿון אַ מין פֿיש. 2 און 10 האָבן אַן אומקלאָרן באַגריף. דוו״ב ברענגט אַ וואָרט trise און פֿאַררופֿט זיך אויף דער ערשטער דײַטשער ביבל. ק. האָט דאָס וואָרט עטלעכע מאָל. אין די אויסגאַבעס פֿון 1466, 1470 און 1473 — tris; אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבעס schatz oder trisel, אָדער schatz.

232. טרעטונג — מדרך (דבֿרים ב, 5). אַ״אַ אַחוץ 5, 15, 19, 23, 26 און 27. דאָס וואָרט באַגעגנט זיך אויך אין מ״מ (יחזקאל ל״ד, 19 — צו טרעטונג) און המגיד (ישעיה ז, 25); עטלעכע מאָל אין ק.

233. **יאָגן*** — לצוד (ויקרא י״ז, 13). 2, 3, 8 און 31. אין דער שמועסשפּראַך האָט דאָס וואָרט דעם באַטײַט 'טרײַבן פֿון איין אָרט אויפֿן צווייטן', אָדער 'לויפֿן, זיך אײַלן'.

234. **יאָכצונג** — תרשיש (שיר השירים ה, 14), שמות כ״ח, 20 — יאָכצום. מ״מ און המגיד — יאכצונג (יחזקאל י, 9). אָפּאַטאָשו ברענגט יאָכצונג (יאָכצום); 8 — יאָכצונג; 3 — יאָכצום. דוו״ב IV, II, 2332 לעצטער ציטאַט פֿון 16טן י״ה. ק. —.

235. **יוגנקייט** — כצעירתו (בראשית מ״ג, 33). במדבר ל, 4 „בנעוריה״ — יוגנהייט (תורת אלהים, ווילנע 1898). 1, 3, 4, 8, 9 און 20 — יוגנקייט; 6 און 7 — יוגנטהייט. לעקסער I, 1487 ברענגט אַ וואָרט Jugentheit. ק. —.

236. **יונגפֿרױ*** — בתולה (דברים כ״ב, 19). 2, 3, 17 און 31. 8 האָט אָנגעגעבן, אַז זײַן וואַרשעווער מלמד האָט געטײַטשט מייטשען. דאָס וואָרט איז דער ייִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד. זייער אָפֿט אין מ״מ און המגיד. אַ באַ־ליבטער אויסדרוק אין דער רעליגיעזער מיטל־עלטערישער דײַטשער ליטעראַטור, אויך זייער אָפֿט אין ק. און לוטער. פֿאַראַן אין מאָדערנעם דײַטש.

237. **לאַגל** — חמת (בראשית כ״א, 14). אַ״אַ אַחוץ 19, 27 און 30. מ״מ (איכה ד, 2), המגיד (ירמיה י״ג, 12). דוו״ב ציטירט לוטערן. ק. — שמואל א ט״ז, 20.

238. **לאַקערונג** — בצדיה (במדבר ל״ה, 20). 3 און 17. דאָס וואָרט איז ניט בנימצא אין דער ייִדישער שמועסשפּראַך. אין פּלוג איז שווער צו זען, פֿאַר וואָס „בצדיה״ זאָל אַזוי פֿאַרטײַטשט ווערן, איבער הויפּט ווען דער ווערב פֿונעם זעלביקן שורש „צדה״ (שמות כ״א, 13) ווערט פֿאַרטײַטשט אַנ־דערש. דאָ מוזן מיר אָנקומען צו רשין וועלכער פֿאַרטײַטשט דאָס וואָרט „כתרגומו במכנא, במארב״. צום ווערב „ארב״ — לאַקערן (פֿאַראַן נאָך אין פּנה״ד) ווערט געשאַפֿן אַן אַבסטראַקטער סובסטאַנטיוו. ניטאָ אין די דײַטשע ווערטערביכער.

239. **לוגונג** — בשרירות (הפּטורה צו, ירמיה ז, 24). 3. המגיד, מ״מ (דברים ו, 8). די ייִדישע שמועסשפּראַך האָט דאָס וואָרט ניט. די פֿאַר־בינדונג פֿון „בשרירות״ מיט לוגונג ווערט דערקלערט אין רשי „במראה לבם לשון אשורנו״ (במדבר כ״ד), ווו די אויסגאַבעס פֿון וואַרשע 1862 און תורת אלהים, ווילנע 1898 האָבן לוגן. אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

240. **לוגן*** — אשורנו (במדבר כ״ד, 17). 3 און 8. דאָס וואָרט איז פֿאַראַן אין מ״מ און המגיד (ירמיה ה, 26). דער ייִדישער שמועסשפּראַך אומ־באַקאַנט. לוטער האָט עס ניט. אָפֿט אין ק. פֿאַראַן אין מאָדערנעם דײַטש.

241. **לויבונג** — תהלתך (דברים י, 21). 7 און 17; אַזוי אויך אין מ״מ. דאָס אייגענע אין ק.

242. **ליט** — המשקוף (שמות י״ב, 23). 3 און 8. מ״מ און המגיד

(יחזקאל ט, 3) — איבר ליד. דוו״ב —. לעקסער ו, 1939. ג״גל (151) — lid. ק. —.

243. ליידיקן — ויתנצלו (שמות ל״ג, 6). 2, 3, 7 און 29. דוו״ב VI, 504, דער לעצטער ציטאַט איז פֿון 16טן י״ה. ג״גל (148) גיט אָן דאָס וואָרט ווי איבערדײַטש אינעם באַטײַט ׳באַפֿרײַען׳.

244. לײַזונג — משאת (דברים כ״ד, 10). 4 און 17. מ״מ (עמוס ה, 11); המגיד (נחמיה ה, 7). דוו״ב גיט אָן דאָס וואָרט ווי פֿנה״ד. ק. —.

245. לייזער — גואל (רות ג, 12). 6, 7 און 20. דוו״ב גיט אָן דאָס וואָרט ווי מה״ד. ק. —.

246. לײַטזעליקן* — חנן (בראשית ל״ג, 5). 2, 3, 8, 17 און 31. דאָס וואָרט איז דער יִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד. פֿאַראַן אין מאָדערנעם דײַטש.

247. לינקען (זיך) — ואשמאלה (בראשית י״ג, 9). 3. דאָס וואָרט איז דער יִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד. פֿאַראַן אין מאָדערנעם דײַטש. ק. —.

248. לעסטערן* — מגדף (במדבר ט״ו, 30). 3, 8 און 17. דאָס וואָרט איז דער יִדישער שמועסשפּראַך פֿרעמד. זייער אָפֿט אין המגיד און מ״מ. אויך ק., לוטער. פֿאַראַן אין מאָדערנעם דײַטש.

249. לעפֿצן — שפתים (שמות ו, 12). א״אָ אַחוץ 19 און 27. מ״מ און המגיד (ישעיה ו, 5). דוו״ב VI, 515, דער לעצטער ציטאַט פֿון 1654. לעקסער האָט דאָס וואָרט ניט, נאָר lefs, lefse, lebse, leps, leves, lesp. ק. — בראשית י״א, 6. דער זעלביקער געמיש פֿון די פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון דעם וואָרט איז אויך אין די ביזלוטערשע ביבלען. אַ טייל האָבן lefze, אַנדערע — lesbe, lebse. די פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן ווערן געניצט אַפֿילו אין איין אויסגאַבע. די אַזוי גערופֿענע ,,ווענצלס־ביבל״ האָט בלויז lepse, lebse (באַהדער, 35).

250. לערנונג — בתורתי (ויקרא י״ד, 57). א״אָ אַחוץ 11, 12, 19, 23, 26, 27 און 29. 2, 8, 14 און 17 האָבן באַטאָנט דעם חילוק צווישן דעם אָנהייב פֿון דעם חומש־לימוד, ווו מען האָט פֿאַרטײַטשט דאָס וואָרט, און די העכערע כּיתות ווו עס איז געבליבן אומפֿאַרטײַטשט. מ״מ און המגיד (ישעיה כ״ט, 24). דוו״ב VI, 770, דער לעצטער ציטאַט פֿון פֿאַראַצעלזוסן (געשט׳ 1541). ק. — 2, 15a14.

251. מאַלונג — הטחנה (קהלת י״ב, 4). מ״מ. 3 און 17. דוו״ב גיט אָן דאָס וואָרט ווי פֿנה״ד. ק. —.

252. מאַנען* — אנשים (בראשית י״ח, 2). 3, 8 און 17. דער יִדישער שמועסשפּראַך איז דאָס וואָרט פֿרעמד. זייער אָפֿט אין מ״מ און המגיד. אין דײַטש האָט די פֿאָרעם פֿון דעם וואָרט אַ ספּעציפֿישן באַטײַט.

253. מאָסלײַט — אנשי מדות (במדבר י״ג, 32). 3, 7 און 8, 17 — מאַסמענטשן. ניטאָ אין דײַטשע ווערטערביכער.

254. מאָרט* — דבר (שמות, ט, 3). 2, 3, 8, 17 און 31. מ״מ

(דבֿרים כ״ח, 21). המגיד (ירמיה כ״א, 7). אין מה״ד באַטײַט דאָס וואָרט אויך ספּעציפֿיש אַן עפּידעמיע פֿון בהמות.

255. מ ו ט ו ו י ל י ק ן — ותזידו (דבֿרים א, 43). 2, 3 און 8. דאָס וואָרט איז ניטאָ אין דער יִדישער שמועסשפּראַך. מ״מ און המגיד (נחמיה ט, 16). אין מאָדערנעם דײַטש באַקאַנט.

256. מ ו ל ט ו ו אַ ר ף [מולד וואָרף] — והתנשמת (ויקרא י״א, 30). דאָס דאָזיקע לשון־קודשע וואָרט ווערט אויך דערמאָנט צווישן די עופֿות (ויקרא, י״א, 18), וווּ עס ווערט פֿאַרטײַטשט פֿלעדערמויז. נאָך רשי שטעלט זיך אָפּ אויף דעם פֿאַל און זאָגט „תנשמת היא קלב״א שורי״ץ [chauve-souris] ודומה לעכבר ופורחת בלילה, ותנשמת האמורה בשרצים היא דומה לה ואין לה עינים וקורין לה טלפ״א״. אין דבֿרים י״ד, 16 ווערט דאָס וואָרט נאָך אַ מאָל דערמאָנט צווישן די טמא עופֿות און ווערט פֿאַרטײַטשט אין דעם עט״ח — שוואַן. (מ״מ האָט דאָ פֿלע־דערמויז.) 1, 13, 18, 20 און 21 — מאָלוואָרף. 3, 4 און 7 — מולד־ (אָדער מילד־) וואָרף. המגיד (ישעיה ב, 20). דוו״ב vi, 2477 moltwerf, מיט אַ צוגאָב, אַז דאָס וואָרט, כאָטש עס איז דיאַלעקטיש נאָך פֿאַראַן אין בײַערן, איז עס אין דער דײַטשער שרײַבשפּראַך שפּעטער ווי דאָס 17טע י״ה ניט באַקאַנט. ג״גל (161) — moldwerf. ק. — ישעיה ב, 20.

257. מ י ד ו נ ג — עמל (קהלת ב, 10). אין אַלע אַנדערע פּסוקים ווערט דאָס וואָרט פֿאַרטײַטשט אין דעם עט״ח — מידעקײַט. 3, 4 און 7. מ״מ (קהלת י״ב, 13) — פֿער מידונג. אויך אין ק.

258. מ י ד ן (זיך) — עמל (קהלת ב, 18). 3, 4, 7, 9, 10, 13, 14 און 20. המגיד (ישעיה מ״ד, 13). דוו״ב vi, 2621 ברענגט דעם לעצטן ציטאַט פֿון Logau (געשט׳ 1655). ק. — יודיט ז, 9. ג״גל (162).

259. מ י נ ע ר ו נ ג — מחסרו (דבֿרים ט״ו, 8). א״אַ אַחוץ 2, 5, 11, 12, 19, 23, 25. פֿאַרפֿעלונג — 26 און 27. מ״מ (מלאכי ב, 2). ק.

260. מ י נ ע ר ן — ויחסרו (בראשית ח, 3). א״אַ אַחוץ 5, 19, 23, 26 און 27. מ״מ און המגיד (יחזקאל כ״ח, 24). דוו״ב —. לעקסער ו, 2135 פֿאַררופֿט זיך אויף דעם אַלטן דײַטשן Exodus (13טן י״ה). ק. — דבֿרים י״ב, 32.

261. מ י ס ט י י ט * — פשע (ויקרא ט״ז, 16). 3. זייער אָפֿט אין המגיד און מ״מ — מיסטוט. דער יִדישער שמועסשפּראַך אומבאַקאַנט. זייער אָפֿט אין ק., לוטערס איבערזעצונג.

262. מ י ש ו נ ג — כלאים (דבֿרים כ״ב, 9), שעטנז (דבֿרים כ״ב, 11). 3 און 17. מ״מ, המגיד (נחמיה י״ג, 3) — פֿאַר מישונג. ק. — Mischung.

263. נ אַ ז ב אַ נ ד — נזם (בראשית כ״ד, 22). א״אַ אַחוץ 5, 23, 26—30. מ״מ (יחזקאל ט״ז, 12); המגיד (ישעיה ג, 21). אַפּאַטאַשו — נאָז־רינג. ק. —. דוו״ב גיט אַן דאָס וואָרט ווי מה״ד.

264. נ אַ כ י אַ ג ע ר — רודפיה (איכה א, 3). 3, 4, 7, 8, 14, 17, 18, 20 און 21. מ״מ און יהואש. המגיד (ירמיה י״ז, 18) — יאַגר. דוו״ב גיט אַן דאָס וואָרט ווי פֿנה״ד. ק. —.

265. נאָפּעצן — ינום (תהלים ק״כ, 4). 28 און 2. דער אָביעקט קאָן קיין העברעיִש ניט, נאָר האָט געדענקט אַ תּפילה, וואָס מען האָט זי אויס־געלערנט קינדווײַז אויף לשון־קודש און יידיש. קיין געדרוקטן יידישן מקור פֿאַר דעם וואָרט האָב איך ניט געזען. מיזעס גיט אָן דאָס וואָרט ווי ריידשפּראַך אין טייל געגנטן פֿון אונגערן. 2 איז קיין מאָל אין אונגערן ניט געווען. דוו״ב VII, 350, לעצטער ציטאַט פֿון 1566. לויט באַהדערן איז דאָס וואָרט בעיקר אייבערדײַטש. עס באַגעגנט זיך שוין אָבער אין טאַציאַן (9טן י״ה) און אין דער וואָרמסער איבערזעצונג פֿון די נביאים (14טן י״ה). ג״גל (165). ק. — איוב ל״ג, 15.

266. נאַרערס — מוניך (הפטורה עקב, ישעיה מ״ט, 26). 4 און 17. דוו״ב ברענגט עס ווי פּנה״ד. ק. —.

267. נון* — והנה (בראשית י״ח, 2). 2, 3, 8, 17 און 31. זייער אָפּט אין המגיד. דאָס וואָרט איז דער יידישער שמועסשפּראַך פֿרעמד. זייער פּאָפּולער אין נײַהויכדײַטש.

268. נידער (די) ** — ובשפלה (דברים א, 7). אונדזערע חומשים האָבן טאָל. אַזוי אויך המגיד און מ״מ. 17. מ״מ (קהלת י, 6) — אין דר נידר. דוו״ב ברענגט דאָס וואָרט ווי מה״ד. ק. —.

269. נידערן — וירד (בראשית ט״ו, 11). אַ״אַ אַחוץ 27. מ״מ און המגיד (ישעיה ב, 9). דוו״ב ציטירט די ביבל פֿון 1483.

270. נײַערט — אך (בראשית ט, 5). אַ״אַ, אַחוץ 19 און 26. גרינבוים (ז׳ 199) ברענגט, אַז נאָר אין ״יידישדײַטש״ איז נײַערט דאָס געוויינטלעכע וואָרט פֿאַר ׳נאָר׳. אין מ״מ און המגיד זייער אָפּט. דוו״ב VII, 998 ציטירט די ביבל פֿון 1483. ק. — במדבר י״ג, 28.

271. נעק* (אַ טייל פֿון דעם אינגעווייד פֿון אַ בהמה) — הפדר (ויקרא א, 8). 3. דער יידישער שמועסשפּראַך איז דאָס וואָרט פֿרעמד. עטלעכע מאָל בײַ לוטערן.

272. ענטוועלן — יושב (תהלים ב, 4). 8. אין אונדזערע עט״ח האָבן מיר דאָס וואָרט ניט געפֿונען. אין צאינה וראינה, ווילנע 1878 ווערט דער פּסוק אין רות ג, 4 ״ובאת וגלית מרגלותיו״ פֿאַרטײַטשט ... און זיינע פֿיס אַנטבילן ... לעקסער I, 595 גיט אָן אַ באַטײַט פֿאַר דעם וואָרט ׳אויפֿהאַלטן׳ אָדער ׳אָפּהאַלטן׳. מיגלעך, אַז דאָס וואָרט ״וגלית״ איז דאָ אייפֿעמיסטיש פֿאַר־טײַטשט. דוו״ב —. ק. — תהלים ס״ח, 26, 36.

273. עקסטע — הקיצונה (שמות כ״ו, 4). 2—4, 6, 8, 14, 17, 20 און 24. דער יידישער שמועסשפּראַך פֿרעמד. רשי פֿירט דאָס וואָרט אַרויס פֿון דעם סובסטאַנטיוו ״קצה״ (״קיצונה לשון קצה״), וועלכער ווערט פֿאַרטײַטשט (בראשית י״ט, 4) עק. די דײַטשע ווערטערביכער האָבן דאָס וואָרט ניט.

274. ערדשטעקן — המנקית (במדבר ד, 7) ריין געפֿעס אָדער די ערדשטעקן, 7, 17 — ריינערן. די יידישע שמועסשפּראַך ווייס פֿון דעם וואָרט ניט; אין שמות כ״ה, 29 און ל״ז, 16 — ריין געפֿעס. דער חילוק אין טײַטש נעמט

זיך אפשר פֿון אַן אַלטער טײַטש־טראַדיציע. דער תּרגום יונתן פֿאַרטײַטשט אין אונדזער פּסוק „מנקיתא״ און אין די אַנדערע „מכילתיה״. אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטאָ.

275. ע ר ל ע כ ק י י ט* — ולתפארת (שמות כ״ח, 2). 3, 8 און 17. נאָך אין אַלטדײַטש ווערט דער חילוק צווישן „ערליך״ און „הערליך״ מטושטש. לוטער זעצט איבער „במבחר קברינו״ (בראשית כ״ג, 6) — in unser ehrlichsten Gräbern (די שפּעטערדיקע אויסגאַבעס האָבן vornehmsten). אין אַ דײַטשן טעקסט פֿון סוף 13טן י״ה ווערט העלענע פֿון טראָיע באַשריבן ווי diu ērliche ūzerwelte vruht. דאָס פֿאַרבײַטן די צוויי ווערטער קומט אויך פֿאָר אין דער טײַטששפּראַך. אין דער שמועסשפּראַך איז דער חילוק צווישן די צוויי אָפּגעהיטן געוואָרן, ווײַל ערלעך האָט אָנגענומען אַ מאָדיפֿיצירטן באַטײַט און זיך באַגרענעצט צום גרעסטן טייל צום פֿעלד פֿון ריטואַליזם.

276. פ אַ ל מ ע ס ן — ויחנטו (בראשית נ, 2). אַ״אָ אַחוץ 19, 26—30. מרכבת המשנה — פאלסמן; קרעמאָנער חומש — באלמשן; באר משה — פאלמשין; מלמד שׂיח — געבאלסמט. אין דער ייִדישער ריידשפּראַך האָט פּאַלמעסן אָנגענומען אַ מאָדיפֿיצירטן באַטײַט. דוו״ב I, 1094 ברענגט דאָס וואָרט balsemen ווי מה״ד. ק. —.

277. פ י מ ס ן — גמא (שמות ב, 3). אַ״אָ אַחוץ 5, 19, 26 און 27. המגיד (ישעיה א, 2). אויך אין באר משה און מלמד שׂיח. דוו״ב — . לעקסער II, 270. ק. — שמות ב, 3.

278. פ י פ ע ר נ אָ ט ע ר — שפיפון (בראשית מ״ט, 17). אַ״אָ אַחוץ 27 און 30. דוו״ב —. לעקסער III, 362 ברענגט vipernâter, אַ פּלעאָנאַסטישע קאָמבינאַציע, היות ווי viper באַטײַט „שלאַנג״ און nâter אויך דאָס זעלביקע. דאָס ייִדישע וואָרט פּיפּערנאָטער איז אויפֿגעקומען אונטער דער השפּעה פֿון לשון־קודש, ווו אונטער געוויסע אומשטאַנדן ווערן טראַף־אײַן די שטימלאָזע ספּיראַנטן ב,ג,ד כ,פּ,ת פֿאַרביטן אין די קאָרעספּאָנדירנדיקע אויפֿרײַסקלאַנגען, ד״ה עס קומט אַרײַן אַ דגש.[54] מ״מ און המגיד (איוב כ, 16). פֿאַר דעם באַטײַט פֿון דעם וואָרט אין דער שמועסשפּראַך האָט מען אָנגעגעבן 'אַ קורצער מענטש'; 'אַן אויסגעטראַכט באַשעפֿעניש'; 'האַלב פֿיש און האַלב מענטש'. ק. — מתיא י״ב, 34.

279. פ ל אָ ג* — נגע (שמות י״א, 1). 2, 3, 8, 17 און 31. מ״מ. אין מה״ד און אין פֿרנה״ד באַטײַט דאָס וואָרט 'אַ שטראָף געשיקט פֿון גאָט'. ג״גל (34) blag 'himmlische Strafe'. אין דעם באַטײַט באַגעגנט זיך דאָס וואָרט זייער אָפֿט אין ק. און לוטער. אין דער ייִדישער שמועסשפּראַך האָט דאָס וואָרט פֿאַרלוירן אין וואָג און באַטײַט, בלויז 'אַן אומאַנגענעמע זאַך'.

---

[54] צי קאָן ניט געמאָלט זײַן די עטימאָלאָגיע vipern (געניטיוו פֿון אַ שוואַכן פֿעמינין) און oter? אין אַ מחזור אין מײַן באַזיץ (ווילנע 1865) ווערט דאָס וואָרט „פתן״ (הפטורה אַחרון של פסח, ישעיה י״א, 8) פֿאַרטײַטשט פּיפּירן אוטר.

280. פלוין — באלוני (בראשית י״ח, 1). א״א אחוץ 5, 19, 26—30. מ״מ און המגיד (ישעיה מ, 3). ג״גל (36) גיט אן דאס ווארט plon ווי אלע־מאניש.

281. פלוצערן — במקשה (הפטורה דברים, ישעיה א, 8). יהואש — א פלוצערפעלד. 3 און 7. דוו״ב VII, 1950. שמעלער I, 466. ג״גל (37): bluzer (obd.).

282. פריזאנט — פטדה (שמות כ״ח, 17). אזוי אויך אפאטאשו. 3. המגיד (ישעיה נ״ז, 6). דוו״ב —. לעקסער II, 297 גיט אן צווי פארמען prîsent און prēsant. ק. —.

283. פאלונג** — אשד (במדבר כ״א, 15). דער יידישער שמועס־שפראך איז דאס ווארט פרעמד. 17. המגיד (ישעיה י״ז, 1). די דײַטשע ווערטערביכער האבן דאס ווארט ניט.

284. פאנגונג — ציד (בראשית כ״ז, 3). 13; זע אויבן ז׳ 21. דער יידישער שמועסשפראך פרעמד; אין די דײַטשע ווערטערביכער ניטא.

285. פאראומערט — ונפשנו קצה (במדבר כ״א, 5). 2, 3 און 8. מ״מ (מלאכי א, 7) — פאר אונמערן; המגיד (ישעיה ז, 16) — פר אום מירשט. דוו״ב. —. לעקסער Taschenwörterbuch ברענגט א ווארט unmaeren — 'verschmähen'.

286. פאראומריינען — ושקץ (דברים ז, 26). תורת אלהים, ווילנע 1898 — פאראומרייניגן. 8, 9, 13, 14 און 20. מ״מ און המגיד (יחזקאל כ, 30). דוו״ב ברענגט דאס ווארט verunreinen, און גיט אן די לעצטע ציטאטן פון לוטער (די שפעטערע אויסגאבעס פון לוטער: verunreinigen).

287. פאראיבעריקן (מאכן) — והותירך (דברים ל, 9). 7. אין שמות י, 15 ווערט „הותיר״ פארטײַטשט איבערלאזן. אין אונדזער פאל פאסט דאס ווארט ניט, און עס ווערט געשאפן פונעם אדיעקטיוו יתר — איבעריק (ויקרא י״ד, 17) א ווערב. דער יידישער שמועסשפראך פרעמד. מ״מ. די דײַטשע ווערטערביכער האבן דאס ווארט ניט.

